STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03407

MASOT VE-RAAYONOT

Eli Quint

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מסות ורעיונות

מאת

אלי הכהן קווינט

ברוקלין

אדר ב, תשכ״ז

ספרים אשר יצאו לאור מהמחבר

מנוחת אליהו

חלק ראשון

חידושים על הש"ס ורמב"ם

מנוחת אליהו

חלק שני

שיעורים ברמב"ם ושאלות ותשובות

הודפס

בבי"ס מקצועי לדפוס "יד החמשה"

כפר חב"ד

אינהאַלט:

אינטעליגענץ און בילדונג לויט תורה . . . . . . ה

וואָס האָט דערהאַלטן יהדות ? . . . . ט

ווי באַנעמען די שיינקייט פון לעבען ? . . . . . יג

מדות און דעות . . . . יח

די גרויסקייט פון קלייניקייטען . . . . כב

שכר ועונש . . . . כד

לימוד התורה . . . . כו

השארת הנפש . . . . כט

דער מהות פונ׳ם פון דער אגודה . . . . לה

ש ל י מ ו ת . . . . לז

דער כוח פון תשובה . . . . לט

די גרויסקייט פון מענש . . . . מג

פון דעם טיפסטען אָפּגרונט צו דער העכסטער

דערהויבונג מו

טעג פון תשובה . . . . מט

יום כפור . . . . נב

יום־כפור געדאַנקען . . . . נד

באַטראַכטונגען וועגן חנוכה . . . . נח

תורה און חכמה . . . . סא

שבת שירה . . . . סו

די שמחה פון פורים ביי אידן . . . . עב

געטליכע חרות און ג־טלאָזע פרייהייט . . . . . עה

ג־טליכע אַנטפּלעקונג אין יציאת מצרים . . . . עח

ס פ י ר ה . . . . פ

געדאַנקען צו ספירת העומר . . . . פג

שבועות־געדאַנקען . . . . פה

מתן תורה און קבלת התורה . . . . פז
קבלת התורה . . . . צ
וועלט און תורה . . . . צב
די באַגריפן: טריוער און פרייד . . . . צד
די אייביגע ירושלים . . . . צז
בין המצרים . . . . צט
דער מיין פון תשעה באב . . . . קב
די הייליקייט פון ירושלים . . . . קה
שלימות היצירה . . . . קח
געדאַנקען צו חודש אלול . . . . קיד
דער אַלטער פון סלאַבאָדקע . . . . קיז
דער גאון ר׳ אייזיק שער וואָס איז נסתלק געוואָרן
אין ארץ ישראל קכ
הרב ר׳ ירוחם לוואוויטש זצ״ל . . . . קכג
הרב ר׳ אהרן כהן זצ״ל חברונ׳ער ראש ישיבה
נפטר געוואָרן אין יושלים קכה
דער „עם הספר״ פאַרנאַכלעסיגט דעם חנוך . . . . קכז
אַ פאָר ווערטער וועגן קדושת שבת . . . . . . קכט
שבת שטאַרקט קיום פון אידן . . . . קלא
די וויכטיגקייט פון חנוך הבנות . . . . קלב
ביאַליסטאָקער ראש ישיבה — געשטאָרבן . . . . קלד
סידור — געווידמעט מנוחה׳ן . . . . קלה
זילבערנע מעשה׳לעך . . . . קלט
האדם נברא להתענג . . . . קמד
מי כמוך נושא עון . . . . קמו
מ ל כ י ו ת . . . . קמח

אינטעליגענץ און בילדונג לויט תורה

באַטראַכטונגען וועגן לערנען, קענען, לעבען

א.

אלכסנדר הפרדוסי זאָגט, אַז „השארת הנפש" מיינט, אַז נאָכ'ן טויט פון מענשען ביז תחית המתים בלייבט איבער פון מענשען דער שכל. אויף וויפיל ער האָט אויסגענוצט זיין שכל ביים לעבען.

דאָס הייסט, אַז שכל פון מענשען בלייבט פאַר אייביג אויף וויפיל ער האָט גע'שכל'ט אויף דער וועלט.

דער גרויסער געלערנטער און פילאָזאָף ר' מנשה בן ישראל אין זיין ספר „נשמת חיים" גייט אַרויס געגען דער שיטה און פרעגט: היתכן? אַז אַ מענש וואָס איז געווען אַ פשוט'ער איד און געווען אַ שומר תורה ומצות און אָפּגעהיט כל התורה כולה אָבער האָט ווייניג „גע'שכל'ט", זאָל נישט האָבען קיין השארת הנפש?

און פון דער צווייטער זייט: אויב איינער הט יאָ גע'שכל'ט, אָבער צום שלעכטען, זאָל יאָ האָבען השארת הנפש? היתכן?

אין דער אמת'ן איז זיין פראַגע קיין פראַגע נישט. שכל מיינט לעבען שכל'דיג!

ס'זיינען פאַראַן צוויי זאַכען, אינטעליגענץ און בילדונג. בילדונג מיינט, אַז מען האָט צונויפגעזאַמלט זייער וויסנשאַפט; אַ געבילדעטער מענטש הייסט דער וואָס האָט מער וויסענשאַפט און ידיעות ווי דער דורכשניטלעכער מענש. אָבער מען קען זיין געבילדעט און נישט אינטעליגענט. אינטעליגענץ מיינט אויף וויפיל מען נוצט אויס די בילדונג און מען פאַרקערפּערט דאָס אין לעבען אויף אַזוי פיל איז מען אינטליגענט.

דעריבער ווען אַ איד איז אַ שומר תורה און מצות, לעבט ער דאָך מיט די גרעסטע אידעאַלען פון קדושה וטהרה, התרוממות הרוח און שיינקייט. ווייל ער לעבט אַזוי, גלויבענדיג אַז דער שכל השם וואָס איז אַנטפּלעקט

געוואָרען צום מענשען דורך דער תורה איז דאָס גרעסטע און בעסטע. לעבט ער דאָך מיט ג־טליכקייט. ער פאַרקערפּערט ג־ט׳ס וואָרט אין זיך.

תורה, דאָס וואָרט פון ג־ט, איז זיין לעבענס־וועג. איז דער מענש אַן אינטעליגענטער מענש. אַ מענש וואָס לעבט מיט׳ן גרעסטען שכל, בלייבט נאָך אים, נאָך זיין טויט, די אַלע הייליגקייטען פון ג־ט׳ס וואָרט. מעג ער זיין אַ פּשוט׳ער איד, נאָר זיין שכל איז דער גרעסטער, ווייל ער האָט געלעבט על פּי התורה. דער גרעסטער שכל וואָס קען זיין האָט ער פאַרקערפּערט אין זיך. אַזאַ מענש איז דער קליגסטער און אינטעליגענטסטער.

ב.

דער רבנו יונה זאָגט (שערי תשובה), אַז דער מענש וואָס נעמט אויף זיך צו היטען די תורה און פאָלגען חכמי ישראל, איז ווי ער וואָלט מקיים געווען כל התורה כולה. דאָס איז די גרויסקייט פון „נעשה ונשמע" ביי קבלת התורה, צו נעמען אויף זיך אָפּצוהיטען די תורה און די רייד פון חכמים, מאַכט דעם מענשען אַזוי גרויס אַז מלאכי השרת פרעגען פון וואַנען איז דער סוד פון אַזאַ גרויסקייט געקומען צום מענשען (שבת).

ווען אַ מענש איז אָבער נישט קיין שומר תורה ומצות, פאָלגט נישט די רייד פון חכמי התורה, מעג ער זיין אַ געבילדעטער מענש, איז ער נאָר אַ חמור נושא ספרים. ער נוצט נישט זיין בילדונג שענער צו מאַכען זיין לעבען, נאָר ער טוט מיט זיין בילדונג שלעכטע זאַכען. איז ער אַ געבילדע־טער אייזעל. און אַ חמור האָט נישט קיין השארת הנפש.

עס איז וואונדערליך דער אויסדרוק פון רמב״ם אין הלכות תשובה: שיכול האדם להיות חכם כמשה רבנו או סכל כירבעם בן נבט". ירבעם בן נבט האָט געקענט לערנען מער ווי׳ זיין גאַנצער דור; אַלע מענשען פון דור זיינען געווען געגען אים ווי גראָז אין פעלד (סנהדרין, פ׳ חלק). און דאָך הייסט דער גרוסער תורה־מענש אַ סכל, ווייל ער האָט נשט געלעבט מיט זיין תורה נאָר פאַרקערט, אויסגענוצט זיין שכל אויפ׳ן שלעכטען וועג. דאָס מאַכט פון קליגסטען אַ טפּש.

אחאב האָט געקענט זייער פיל לערנען (סנהדרין, פ׳ חלק) און געוויזען ביים טויט די גרעסטע מסירת נפש, שטייענדיק פאַרוואונדעט אין זיין קאַרעטע ביז׳ן אָוונט, כדי דער שונא זאָל נישט וויסען אַז זיי האָבען געטראָפען דעם מלך ישראל און דערמיט אָפּשוואַכען די אידישע אַרמיי. בלוט האָט געפלאָסען פון זיין קערפער און ער האָט נישטאָפּגעטראָטען פון זיין פלאַץ. דאָך ווען מען האָט זיך דערוואוסט פון זיין טויט שטייט דער לשון „ותעבור הרנה במחנה״.

פון איין זייט האָט מען אים זייער באַוויינט, אָבער פון דער צווייטער זייט איז געווען „הרנה במחנה״. עס איז מער נישטאָ דער קעניג וואָס איז נישט געווען קיין שומר תורה ומצוה. און אחאב וואָס קען אַזוי פיל לערנען האָט נישט קיין עולם הבא. ווייל השארת הנפש איז אויף אַזוי פיל וויפיל מען האָט געלעבט שכל׳דיג אויף דער וועלט און דאָס מיינט תורה׳דיג.

ג.

דאָס ענטפערט אונז אויף פיל פראַגען אין אונזער לעבען היינט-צו-טאָג.

מיט וואָס איז דער אידישער לעבען היינט אַנדערש ווי אַמאָל? דער ענפער איז: מיט פופציג יאָר צוריק איז געווען אַ געזונטער אידישער תורה-לעבען. אַלעס האָט זיך גרופּירט אַרום תורה. דער אידישער לעבען איז פול געווען מיט תורה, מיט קדושה וטהרה. פשוט׳ע אַרבעטער האָבען געלערענט וו נאָר מעגליך תורה, און געזוכט משמש צו זיין תלמידי חכמים. זיי האָבען זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. איז דער אידישער לעבען געווען אַ תורה-לעבען. האָט מען פאַרוויגט אַ קינד מיט תורה און אים געזאָגט: תורה איז די בעסטע סחורה. מיט תורה האָסטו די וועלט און יענע וועלט. זיינען די ישיבות געווען פול. האָט אַ מאַמע אין דער הייליגסטער מינוט פון אָנצינדען די ליכט כדי מקבל צו זיין די קדושה פון שבת אין איר הויז, געבעטען אַז איר קינד זאָל לייכטען אין תורה אַזוי ווי די ליכט לייכטען. און אין דער מינוט האָט די מאַמע פאַרגעסען דעם גלות מיט אַלע אירע זאָרגען, און אַ צופרידענע געגרייט זיך צום שבת און געהאָט נחת פון איר

קינד און מאַן, וואָס לערנען תורה און לייכטען מיט תורה. און איר פרייד איז געווען גרויס ווען דאָס קינד האָט תורה געלערענט און זיין נאָמען האָט געלויכטען. די מאַמע האָט זיך געוואונשען אַז איר זון זאָל זיין אַ רב, אַ גדול בתורה.

אַזוי איז דער אידישער לעבען געווען ליכטיג און עס איז געווען אַן אינטעליגענטער דור. אַ דור דעה. אַ דור וואָס ג־ט׳ס וואָרט איז געווען פאַר אים אַלעס אין דער וועלט. דאָס איז געווען אונזער גרויסקייט און שטאַרקייט. אַ דאַנק אונזער גרויסער אינטעליגענץ האָבען מיר דורכגעטראָגן דעם גלות.

ד.

איצט זיינען מיר געבילדעט, אָבער נישט תורה׳דיג. מיר וואונדערן זיך וואָס איז פאָרגעקומען אין אונזער לעבען. וואו שטייען מיר איצט? פאַרוואָס אַזאַ הפקרות אין אידישען לעבען? פאַרוואָס פאָלגט מען נישט קיין תלמידי חכמים? פאַרוואָס אַנטזאָגט מען אַלטע תלמידי חכמים פון זייערע שטעלעס?

מען האַלט נישט, אַז תלמידי חכמים כל מה שמזקינין דעתן נתוספת עליהם. פאַרוואָס האָט די שוהל פאַרלוירען איר אינהאַלט? פאַרוואָס זיינען אונזערע שוהלען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַלעס אין דער וועלט נאָר נישט אין קיין בתי תורה? מיט וואָס זיינען מיר אַראָפּגעפאַלען פון אַלטען אידישען לעבען?

דער ענטפער איז: תורה איז אויסגעוועפּט געוואָרען פון אונז. מיר האָבען אַרויסגעריסען די תורה פון אונזער טעגליכען לעבען. מיר פאַר־וואַנדלען תורה אין אַ וויסענשאַפט ווי אַלע וויסענשאַפטען.

יאָ, תורה איז די גרעסטע וויסענשאַפט אין דער וועלט — „הפך בה והפך בה דכולא בה״ (פרקי אבות), אָבער תורה קען נישט באַצייכענט ווערען אַלס וויסענשאַפט וואָס עס איז גענוג אַז מען ווייס תורה. תורה מוז מען אַליין ווערען. מען מוז אין תורה לעבען, כדי צו ווערען אַ אידישער אינ־טעליגענט.

וואס האט דערהאלטן יהדות?

השקפה'דיגע באַטראַכטונגען צום ענין פון מעשי אבות און כלל ישראל

עס איז שוין געפרעגט געוואָרען די פראַגע: ווי אַזוי האָט דער כלל ישראל דורכגעמאַכט זיין עקזיסטענץ סיי פריער אין ארץ ישראל און דערנאָך אין גלות, זייענדיג ארומגערינגעלט פון שונאים?

פאַרשיידענע זיינען די ענטפערס. מיר וועלען ברענגען עטליכע פון זיי.

איין ענטפער איז, אַז די שנאה פון דער וועלט צום כלל ישראל האָט זיי געשטאַרקט און פאַראייניגט, פונקט ווי ליבע און געטריישאַפט מאַכט אַ מענשען פילען גוט און שטאַרק, אַזוי ווען מען האָט אים פיינט, שטאַרקט ער זיך, וויסענדיג אַז ער איז פאַרהאַסט ביי אַלעמען, מאַכט דאָס אים שטאַלץ און ער קען איבערטראָגען אַלע פייניגונגען.

דאָס זעלבע די פיינטשאַפט פון דער וועלט האָט אַלע אידען פאַראייניגט, און להכעיס זייערע שונאים האָט דאָס זיי געגעבען כח בייצוקומען זיי.

די פראַגע איז אָבער: פאַרוואָס ווערען זיי געהאַסט און פאַרפאָלגט ביי דער וועלט? דער ענטפער וועט זיין: ווייל זיי זיינען אַנדערש ווי אַלע פעלקער מיט זייער שטייגער פון לעבען און די אַנדערשקייט איז ווייל זיי האָבען אַ תורה, וואָס איז אַנדערש ווי ביי אַלע פעלקער.

אַ צווייטער ענטפער: די אייגענאַרטיגקייט פון אידישען פאָלק האָט אים געמאַכט ווי אַן אינזעל אין ים, און ווייל זיי האָבען געוואָלט אויפהאַלטען זייער אייגענאַרטיגקייט האָט דאָס זיי דערמוטיגט און געשטאַרקט, נישט קוקענדיג אויף אַלע קרבנות.

דאַן וועט מען מוזען פרעגען: פאַרוואָס זיינען זיי אייגענאַרטיג? פאַרוואָס מוזען זיי דאָס אָנהאַלטען? דער ענטפער וועט זיין, אַז דאָס איז די תורה און שמירת התורה וואָס זיי האָבען דורכגעהאַלטען דורכ'ן גלות.

דער רעיון פון משיחיות

נאָך אַן ענטפער איז דער געדאַנק פון משיחיות. אַז זיי זיינען דאָס פאָלק וואָס וועט ברענגען צו דער וועלט דעם משיח, וואָס וועט אויסלייזען די וועלט פון איר טראַגישען צושטאַנד און וועט ברענגען די מענשהייט צום אחרית הימים.

די פראַגע וועט דאַן זיין: פון וואַנען קומט דער געדאַנק פון משיחיות און וואָס שטעלען מיר זיך פאָר אין דעם משיח? דער ענטפער וועט זיין, אַז דאָס קומט פון דער תורה און שלימות בימות המשיח וועט זיין וויל מען וועט לעבען על פי התורה.

אַנדערע ענטפערען: די טראַדיציעס און טראַדיציאָנעלער לעבען האָבען אונז אויפגעהאַלטען און פאַר דער טראַדיציע האָבען מיר זיך מוסר נפש געווען; און די פראַגע וועט ווייטער זיין: וואָס איז דאָס טראַדיציע, וואָס פאַר דעם איז מען זיך מוסר נפש? און דער ענטפער וועט זיין, אַז די טראַדיציע מיינט תורת השם. אַלע ענטפערס פירען צו דער תורה. איז דער בעסטער ענטפער, אַז די תורה האָט געזיכערט אונזער עקזיסטענץ. צוליב תורה האָבען מיר זיך מוסר נפש געווען. אידען האָבען זייער לעבען אַוועקגעגעבען ווייל כי עליך, בשבילך, האָבען מיר זיך מוסר נפש געווען.

אַזוי לערנען מיר פון דער תורה און תנ״ך, אַז אפילו זייענדיג אין ארץ ישראל, איז ווען מיר האָבען געהיט תורה און מצוות זיינען מיר געווען שטאַרק און ווען מיר האָבען פאַרלאָזען ג־ט זיינען מיר באַפאַלען געוואָרען פון די פיינט. און אַזוי גלות נאָך גלות. אין גלות בבל שטאַרקען זיי זיך און ראָמען אויס עבודה זרה, און קומען צוריק אין ארץ ישראל, און אין גלות יון, דער איינציגער גלות אין ארץ ישראל, ווען דער גלות איז געבראַכט געוואָרען אין ארץ ישראל, און דאָס איז געווען דער גרעסטער גלות, ווי די חז״ל זאָגען, אַז ווען אברהם האָט געזען די שעבוד מלכיות איז דער שעבוד פון יון געווען כמעט דער שטאַרקסטער: והנה אימה חשכה גדולה נופלת עליו, זה מלכות יון, שאמרו לבני ישראל כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל.

מלחמה פאַר תורה

מען האָט דעם גלות געבראַכט קיין ארץ ישראל, און דעם גלות האָבען אידען געפילט שווערער ווי אַלע גלות׳ן. עס האָט חס ושלום געהאַלטן ביים ענדע פון כלל ישראל (זהר חדש פרשת נח). דער כלל ישראל האָט זיך גע־שטאַרקט און מלחמה געהאַלטען פאַר דער תורה, און דאָ אויף די ברעגען פון ישראל איז די גריכישע קולטור געפאַלען און מלכות ישראל האָט זיך באַניט, און תורה לערנען ווערט געשטאַרקט אַזוי ווייט, אַז דורך דער צייט איז לימוד התורה פאַרשפרייט געוואָרען צווישען פאָלק, און די תנאים פון יענער צייט האָבען אַזוי תורה׳דיג געמאַכט דאָס פאָלק ישראל, אַז עס האָט שפּעטער דורך דעם כח התורה געקענט דורכטראָגען דעם גרויסען גלות ווי דער לעצטער, גלות אדום.

נאָך אַ סיבה וואָס האָט אויפגעהאַלטען דעם כלל ישראל זיינען די אבות: אברהם, יצחק און יעקב. אויסער וואָס דער רבונו של עולם האָט צוגעזאָגט די אבות, און שפּעטער זייערע קינדער, אַז זיי וועלען אייביג עקזיסטירען „וזכרתי את בריתי יעקב, ואף את בריתי יצחק, ואף את בריתי אברהם״ און „ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים״. דאָס מיינט, אַז מיר האָבען אַ צוזאָג פון רבונו של עולם, אַז מיר וועלען אייביג בלייבען, — האָבען די אבות העולם געשאַפען אַ פאָלק פון זייערע קינדער, וואָס זאָל עקזיסטירען פאַר אייביג.

מעשי אבות פאַר אייביגקייט...

מעשה אבות איז אַ שאַפונג וואָס מוז עקזיסטירען פאַר אייביג. אין מצרים האָבען די כמעט אסימילירטע אידען אָפּגעהיט אויף וויפיל עס איז מעגליך מעשה אבות. געטראָגען די קליידער פון די אבות, גערופען קינדער מיט זייערע נעמען און באַנוצט זייער שפּראַך און דאָס האָט זיי אויפגעהאַלטען אין ערשטען גלות. יעדער איד האָט געזען צו זיין ווי די אבות העולם. „חייב אדם לומר, מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב״.

זיי, די אבות העולם, האָבען אויפגעהאַלטען אידען אין מצרים איידער

עס איז נאָך געווען תורה. און אין די שפּעטערדיגע גלות'ן זיינען זיי געווען דער סימבאָל פאַר יעדען אידען. און ווען אַ איד איז שוואַך געוואָרען אין זיין לערנען תורה און אין טאָן מצוות, און עס האָט זיך געדוכט אַז ער גייט אַוועק פון כלל ישראל, זיינען די אבות געקומען צו אים און ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין זייער מסירות נפש איז ער צוריקגעקומען צו דער תורה.

די אבות האָבען געשאַפען אַ חלק פון דער תורה, וואָס דאָס הייסט תורת האבות. דער חומש בראשית איז זייער תורה. און ער האָט געלערענט דעם אידען שטאַרקקייט אין אמונה, מסירות נפש ביז זיך ברענגען פאַר אַן עקידה. תפילות אבות תקנום, די אבות האָבען פאַראייניגט זייערע קינדער מיט זיך צוזאַמען מתפלל צו זיין צום בורא עולם. די אבות האָבען געשאַפען די מדות פון חסד און אַלע גוטע מדות און דאָס פאַרפלאַנצט אין זייערע קינדער לעולם ועד. אברהם אבינו האָט געשאַפען תלמידים און מען דערקענט אַז זיי זיינען תלמידיו של אברהם אבינו. מעשה אבות איז אַ מציאות און שאַפונג און דאָס מוז עקזיסטירען פאַר אייביג. דאָס איז איינע פון די סיבות פון אויפהאַלטונג פון כלל ישראל לעולם ועד, כימי השמים על הארץ.

ווי באנעמען די שיינקייט פון לעבען?

חדוות החיים פונ׳ם יהדות־בליק. — די באדייטונג פון ברכות. — השקפה׳דיגע באטראכטונגען

לעבען איז שיין און טייער אויב מען ווייס ווי צו לעבען. געלערענטע און דיכטער האבען געפרואווט באשרייבען די שיינקייט פון לעבען און די גרויסקייט פון יעדער מינוט. עס איז די טעגליכע וואכעדיגקייט און די שטענדיגע געוואוינהייט וואס מאכט אז יעדער זאך אין לעבען ווערט אלטעגליך. „ווען די שטערנס וואלטען זיך באוויזען איין מאל אין פופציג יאר וואלט יעדער מענש געשטאנען א גאנצע נאכט און געקוקט מיט וואונדער אויף זיי און הנאה געהאט פון זיי, אבער אז מיר זעען דאס יעדער נאכט, ווערט דאס ביי אונז נישט וויכטיג״ (עמערסאן).

„מיר האבען נישט קיין הנאה פון לעבען און פון די אלע זאכען וואס מיר זעען, ווייל מיר ווערען צוגעוואוינט צו זיי. געוואוינהייט איז א גוטע זאך, ווייל דאס העלפט אונז מיט א סך אין לעבען, אבער זיי מאכען אונז מעכאניש און מיר פילען נישט אז דאס וואס מיר טוען דארף אונז ברענגען הנאה אין לעבען״ (גאלסווארטי).

כדי דער מענש זאל נישט פארלירען זיך אין גאנצען און נישט פארלירען דעם געשמאק אין לעבען האבען געלערענטע אים כסדר געוויזען ער זאל זיך פארטראכטען, אז די וועלט מיט אירע וואונדער זיינען שיין און טייער. זיי האבען געמאלען א בילד ווי וואלט א מענש געפילט ווען ער שטייט אויף פון קבר נאכ׳ן טויט און ער קען זען צוריק די ליכטיגע וועלט — ווי טייער און ליב וואלט דאן די וועלט געווען ביי אים.

דער גרויסער אמעריקאנער שרייבער טאראנטאן באשרייבט א סצענע ווי א מיידעל וואס איז געשטארבען יונג קריגט ערלויבעניש צו קומען אויף דער וועלט צו אירע עלטערן פאר איין טאג און ווי די מיידעל זעט אין

יעדער זאַך אין הויז שיינקייט; ווי ליב איז די מוטער און ווי טייער איז דער ברודער און ווי זיס איז דער טאַטע און ווי שיין איז דער פּאַרקאַן ארום זייער הויז.

דאָס מיינט, אַז ביים לעבען האָט זי נישט געזען די אַלע שיינקייטען, ווייל זיי זיינען געווען טעגליכע ערשיינונגען, אָבער דער שרייבער וויל באַווייזען, אַז מען קען הנאה האָבען פון לעבען ווען מען וועט זיך פאָרשטעלען אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען מען וועט דאָס נישט האָבען; דעריבער זאָל מען יעצט ביים לעבען זיך שטענדיג ארומקוקען און זען די שיינקייטען פון לעבען.

די אַראַבישע וועלט מאַכט דאָס אַ ביסעל אַנדערש. זיי ברענגען נישט אַ מענשען פון יענער וועלט כדי דורך אים זאָלען מיר לערנען די וויכטיגקייט און שיינקייט פון דער וועלט, נאָר זיי דערציילען אַ שיינע מעשה׳לע מיט אַ מוסר־השכל: „איין מאָל האָט מוחמד, אַ רייכער אַראַבישער דערוויש, ווענען עס איז מיאוס געוואָרען דער לעבען אויף דער וועלט, געשטאַנען און געבעטען ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף אים און אים צונעמען פון דער צרות׳דיגער וועלט. פון גרויס וויטאָג איז ער אַנשלאָפען געוואָרען. אין חלום איז גבריאל המלאך געקומען צו אים און אים געזאָגט: ג־ט האָט צוגעהערט דיין געבעט און אַ יאָר פון היינט וועסטו שטאַרבען. מוחמד האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערמאָנט זיך אין זיין חלום, אַז נאָר אַ יאָר איז אים געבליבען צום לעבען, און ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און פלוצלונג האָט ער דערזען די זון און די קליינע ווייסע וואָלקענס וועלכע רינגלען איר ארום און אַ שטילער ווינטעל האָט געבלאָזען אויף אים, און ער האָט אויסגעשריען: אוי, מיין ג־ט, פון דער שיינער וועלט וועל איך דאַרפען אַוועקגיין אין אַ יאָר ארום!

פלוצלונג האָט ער אָנגעהויבען צו זען די שיינקייט פון יעדער זאַך, ווי שיין איז יעדער פּשוט׳ער שטיינדעל און ווי מאַיעסטעטיש עס קוקט אויס דער ים און ווי גראַציעז עס באַוועגען זיך די גרעזעלעך און ווי שיין און גרויס איז דער מענש און ווי פיין מענשען זיינען, צו הערען אַ מענשען ריידען און לאַכען — ווי זיס דאָס איז! עס קלינגט ווי מוזיק; און עס איז

אַ גרויסער פאַרגעניגען צו ליב האָבען אלע מענשען און פילן אַז זיי זיינען ברידער. ווי שיין איז די וועלט, האָא מוחמד געטראַכט, און מיט יעדען טאָג וואָס איז אַריבער האָא מוחמד דערזען די וועלט אַלץ שענער און שענער. געקומען איז דער לעצטער טאָג און די וועלט איז יעצט געוואָרען שיין און זיס צו אים ווי אין דעם טאָג פון איר שאַפונג און ער האָט אויסגשריען: אוי, גרוסער ג־ט, גיב מיר נאָך אַ ביסעל צייט צום לעבען און זען נאָך גרעסערע שיינקייטען אין דער וועלט!

זיין האַרץ האָט מער ניט געקענט איבערטראָגען דעם ווייטאָג, איז ער אַנידערגעפאַלען און איז איינגעשלאָפען. גבריאל איז געקומען צו אים אין חלום און געזאָגט: ג־ט האָט צוגעהערט דיין געבעט, און האָט פאַרלענגערט דיין לעבען, נאָר פון היינט אָן און ווייטער זאָלסטו וויסען ווי צו לעבען און זאָלסט הנאה האָבען פון לעבען״.

אַנדערש, און פיל טיפער, איז דער אידישער שטאַנדפונקט, דער וועג פון תורה. זיי דערמאָנען נישט דעם טויט און שרעקען נישט מיט׳ן טויט. כדי מען זאָל זען די גרויסקייט פון לעבען. זיי ווייזען אויף יעדער מינוט פון לעבען און וואָס מען קען אין איר דערגרייכען, כדי מען זאָל נישט פאַר־לירען קיין מינוט פון לעבען. זיי ווילען, אַז דער מענש זאָל פילען אַז יעדער מינוט ווערט ביי ג־ט געשאַפען פאַר אים אַ וועלט, און אויב ג־ט שאַפט פאַר אים יעדער מינוט, טאָ ווי גרויס איז דער מענש און ווי וואונדערליך מוז זיין יעדער מינוט!

די חכמי ישראל לערנען אונז די גרויסקייט פון יעדער מינוט. זיי זאָגען: אַז אפילו ווען אַ מאַן איז שוין כמעט גוסס טאָר מען נישט צונעמען זיין לעבען, ווייל אפילו אַ גוסס קען אין איין מינוט צוקומען צו אייביגקייט און אויפטאָן אין איין מינוט דאָס וואָס ער האָט פאַרפעלט אַ גאַנץ לעבען. די חז״ל זאָגען (ברכות) מדוע רשעים נקראים מתים בחייהם — פאַרוואָס הייסען רשעים טויטע אפילו ווען זיי לעבען? דער ענטפער איז: זיי זעען די זון אויפגיין און פאַרגיין, די לבנה פאַרגיין און אויפגיין, און עס קומט נישט אַרויס פון זיי קיין דאַנק און לויב צום בורא עולם.

אויב אַ מענש זעט נישט די שיינקייט פון דער וועלט און עס קומט נישט

אַרויס פון אים קיין דאַנק צום בורא, וואָס האָט דאָס געשאַפען, איז דער מענש טויט; ווייל לעבען מיינט: קיינמאָל זיך נישט פאַרקוקען און שטענדיג פילען און וויסען, אַז די וועלט שאַפט זיך כסדר און אין יעדער מינוט איז זי פון דאָסניי באַשאַפען געוואָרען — „המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית" און "חייב אדם לאמר בשבילי נברא העולם". מיט אַזאַ טראַכט קען אַ מענש ניט אַריינפאַלען אין טרויער און פאַרלירען דעם געשמאַק פאַר דער וועלט.

די חז"ל, מורא האָבענדיג טאָמער וועט פאַרט דער מענש ווערען צוגעוואוינט צו אַלעס און וועט נישט זען די שיינקייטען פון דער וועלט, האָבען מתקן געווען ברכות, צו מאַכען א ברכה אויף יעדער זאַך; דערמיט וועט דער מענש פילען, אַז די וועלט איז פאַר אים געשאַפען און ווערט פאַר אים געשאַפען בכל יום. דער המחדש בטובו איז פאַר אים. ווי ער עפענט אויף די אויגען דאַרף ער דאַנקען פאַר דער נשמה וואָס איז צוריקגעקומען פריש צו אים; דאַן ווען ער שטעלט אַ טריט דאַרף ער פילען, אַז יעצט איז פאַר אים געשאַפען געוואָרען די ערד; ווען ער שטעלט זיך גלייך, דאַרף ער פילען אַז ערשט יעצט איז פאַר אים געשאַפען געוואָרען דער כח פון קענען זיך אויפשטעלען: „זוקף כפופים". ווען ער מאַכט דעם ערשטען טריט, דאַרף ער פילען אַז יעצט איז פאַר אים געשאַפען געוואָרען אַ פוס כדי ער זאָל קענען גיין: „המכין מצעדי גבר" און אַזוי ווייטער. און ווען ער עסט דאַרף ער פילען, אַז דער אויבערשטער האָט דאָס אים צוגעגרייט און געשאַפען פאַר אים און ער דאַנקט דעם בורא פאַר מוציא זיין פאַר אים ברויט..

ר' אלי'נקע קרעטינגער, פון די גרויסע בעלי־מוסר אין ליטע, האָט אין זיין צוואה צו זיינע קינדער זיי אָנגעזאָגט: „כאַפט נישט אַראָפּ די ברכה, נאָר פילט אין דער ברכה די הנאה אַז דער בורא גיט דאָס אייך יעצט און איר דאַנקט אים דערפאַר".

ווען דער מענש ענדיגט עסען, דאַרף ער דאַנקען ג־ט און זאָגען, אַז דאָס וואָס דו האָסט מיר געגעבען איז געווען מיט דיין גאַנצע גוטסקייט און ער זאָגט „בטובו", און אויב ער זאָגט „מטובו" טויג נישט, ווייל די גאַנצע

הטבת השם איז דאָ געווען. און אויב ער פילט דאָס נישט, איז ער נישט דער מענש וואָס פאַרשטייט וואָס דער רבונו של עולם טוט פאַר אים.

גייט ער פרילינג־צייט און זעט ווי די בוימער בליען, מאַכט ער אַ ברכה. און אַזוי אויף חדוש הלבנה און ברכת החמה, און אויף אַלעס אין לעבען. ברכות מאַכען דעם מענשען ער זאָל אין יעדער זאַך דערזען די באַנייאונג.

דער רבנו יונה אין „שערי תשובה" זאָגט וועגען די מענשען וואָס באַנייען נישט כסדר זייערע מחשבות וועגען רבונו של עולם, נאָר זיי טוען דאָס ווייל זיי זיינען דערצו געוואוינט, אַז זיי טוען די גרעסטע זינד און נאָך פילע פסוקים זאָגט ער אויף זיי: כי רחוקיך יאבדו, דאָס הייסט אַז זיי זיינען ווייט פון רבונו של עולם.

רבן גמליאל, דערציילען די חז"ל, האָט געמאַכט אַ ברכה אויף שיינקייט, ווילע אַ מענש טאָר נישט צוגעוואוינט ווערען און נישט זען די שיינקייט פון דער וועלט, און די חז"ל זאָגען (מדרש קהלת) „עתיד אדם ליתן דין וחשבון על כל שראו עיניו ולא נהנה מהם".

דער רבונו של עולם וויל, אַז דער מענש זאָל שטענדיג הנאה האָבען פון זיין שאַפונג און שטענדיג פילען ווי גוט איז, אז איך בין באַשאַפען געוואָרען, איך בין יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא, ומרחם אמי השלכתי עליו, ער שאַפט פאַר מיר, ער באַזאָרגט מיר מיט אַלעס און איך דאַרף פון אַלעס הנאה האָבען. תורה'דיג דאַרף זיין דעם מענשעס לעבען, מאַכען אַ ברכה אויף אַלעס און פילען די ברכה, דאַן וועט ער זען די שיינקייט פון דער יצירה און פילען דעם וואָס האָט דאָס באַשאַפען, און צוקומען צו שלימות אין לעבען, און לעבען אַ גאַנצען לעבען. יעדער מינוט איז אייביג־קייט, און יעדער מינוט איז לעבען. און צוזאַמען ווערען אַלע מינוטען שאַפען די האַרמאָניע וואָס הייסט — לעבען.

מדות און דעות

מדות מיינט דאָס וואָס אַ מענש דאַרף האָבען, און זיך פירען לויט זיי, כדי ער זאָל קענען זיין אַ גלייכער חבר אין דער געזעלשאַפט. דעות מיינט וויסען („דע את אלקי אביך״) אַז עס איז פאַראַן אַ ג־ט וואָס איז דער בורא עולם און משגיח פרטי. דעות פאַרטייטשט די וועלט מיינט אין קאָפּ און שכל, און מדות מיינט די האַרץ, האָבען אַ גוט האַרץ, און דעריבער טיילט דאָס די וועלט פונאַנדער אין צוויי טיילען, און אַ סך גלויבען אַז עס קען עגזיסטירען איינע אָן דער צווייטער, דהיינו, מען קען זיין אַ גוטער מענש אפילו ווען מען איז אַ פרייער און מען גלויבט נישט אין ג־ט, און פון דער אַנדערער זייט קען אַ מענש גלויבען אין ג־ט אָבער דערביי זיין אַ שלעכטער מענש און נישט טאָן קיין גוטעס צו אַ צווייטען.

דאָס איז אַ פאַלשע שיטה. עס נעמט זיך דערפון וואָס סיי די מדות אָדער די דעות זיינען נאָר אויבערפלעכליך, נישט די ריכטיגע מדות אָדער דעות. ווייל דעות מיינט צו פאַרשטיין און וויסען ג־ט און זיין ווי ער איז. אויב דער מענש גלייכט זיך נישט צו ג־ט צו טאָן גוטעס, מיינט דאָס אַז ער ווייס אים נישט, ווייל ווי קען ער אים וויסען און נישט נאָכפאָלגען. מדות מיינט די כוחות וואָס ג־ט האָט געגעבען צום מענשען און ג־ט פירט מיט זיי די וועלט. קען דעריבער נישט זיין אַ ריכטיגער בעל מדות און דערביי נישט וויסען דעם באַשעפער און שעפער פון זיי.

וואָס מיינט מדות? ווי ווייסען מיר אַז דאָס וואָס מיר נעמען אָן פאַר אַ גוטע מדה איז דאָס אַזוי? דער ענטפער איז, אַז מיר וואָלטען דאָס נישט געוואוסט און וואָלטען שטענדיג אויסגעטייטשט די מדות ווי פאַר אונז לוינט זיך זיי אויסצוטייטשען, און די מדות וואָלטען זיך געביטען לויט די באַגריפען פון מענש. עס קען אַמאָל אַזוי ווייט אָנקומען וואָס צוליב שלעכט אויסטייטשען אַ מדה קען מען אפילו טויטען אַ מענש, מיינענדיג אַז דערביי טוט מען אים אַ טובה, און דאָס איז גוטסקייט. טאָ ווי ווייסען

מיר וואָס איז אַ ריכטיגע מדה. איז דער ענטפער, אַז דאָס מוזען מיר לערנען פון רבונו של עולם. מיר מוזען וויסען ג-ט, דאַן קענען מיר וויסען אַז די מדה איז ריכטיג.

אין דער העכסטער מינוט פון התגלות כבוד השם צו משה רבנו, ווען ער האָט געבעטען ער וויל זען ג־ט, איז ג־ט פאַר אים פאַרבייגעגאַנגען און אים געזאָגט: דו ווילסט מיר זען, מיר קען מען זען דורך די דרייצען מדות מיינע. דאָס הייסט, אַז דאָס העכסטע הכרת אלקות, צו וויסען דעם רבונו של עולם אויף וויפיל מען קען אים משיג זיין, איז דורך די דרייצען מדות, צו גלויבען אין רבונו של עולם און צו זיין דומה לו, „מה הוא אף אתה״. קען דאָס נאָר זיין דורך די מדות, ווייל מדות מוז ברענגען צו הכרה.

דער „תומר דבורה״ אין ערשטן פרק פאַרטייטשט די דרייצען מדות און דערקלערט ווי דער מענש קען דורך זיי צוקומען צו שלימות. קומט אויס אַז דער מענש קען זיך פאַרגלייכען צום בורא דורך מדות. די ריכטיגע מדות זיינען די וואָס דער רבונו של עולם לערנט אונז. קומט אויס, אַז צו זיין אַ בעל מדות מוז מען האָבען הכרת אלקות, און נאָר דורך דעות און הכרת אלקות קען דער מענטש צוקומען צו די מדות טובות, ווייל קיין אַנדער וועג ווי צו זיין אַ בעל מדות איז נישטאָ. דאָס איז דער תורה׳דיגער פאַרטייטש פאַר מדות.

דעות מיינט, ווען דער מענש הויבט זיך אויף און זעט אַז אַ בורא עולם איז דאָ, און ער האָט אים געשאַפען צוזאַמען מיט דער וועלט, און ער איז אַ חלק פון דער יצירה של הקדוש ברוך הוא. איז אויב דער בורא האָט די איבעריגע יצירה געשאַפען איז אַ סימן אַז דאָס מוז זיין און דאַרף זיין. טאָ ווי קען אַ מענש נישט מיטהעלפען אין דער עקזיסטענץ פון דער יצירה און דערביי גלויבען אין באַשעפער. דאָס איז אַן איינגעשמועסטער גלויבען.

כאַראַקטעריסטיש איז דער תורה-באַגריף וועגען דעם. ווען די מענשען פון דור הפלגה האָבען געבויט דעם טורעם און געוואָלט מורד זיין אין ג־ט, — דאָס איז אַ זינד אין דעות, — שטייט דערביי „וירד השם לראות את העיר ואת המגדל אשר בנו בני האדם״, און די חז״ל פאַרטייטשען פאַרוואָס שטייט דאָ דאָס וואָרט „בני האדם״, „בני אדם הראשון״. אדם היה כפוי

טובה, ווייל ער האָט געזאָגט: האשה אשר נתת עמדי, און זיי זיינען אויך כפויי טובה. כפוי טובה מיינט, אַז דער מענש איז נישט קיין בעל מדות. אָבער דאָ, ביים דור הפלגה, רעדט זיך דאָך נישט וועגען מדות נאָר וועגען דעות. זיי גלויבען נישט. טאָ ווי קומט דאָ מדות, איז דער ענטפער: אויב די מדות פון דור הפלגה וואָלטען געווען גוט וואָלט קיין זינד אין דעות נישט געקענט זיין, ווייל ריכטיגע מדות און שלמות המדות מוז פירען צו אמונה שלמה.

אויך איז כאַראַקטעריסטיש, אז ביי אַ מענש וואָס איז עובר אויף אַ „מי שפרע" ווייל ער היט נישט אָפּ זיין צוזאָג, שטעלען די חז״ל צו „מי שפרע מאנשי דור המבול ומדור הפלגה". דור המבול מיינט מדות רויבעריי; דור הפלגה מיינט נישט גלויבען, און דעם מענש וואָס האַלט נישט זיין צוזאָג שטעלט מען צוביידע זאַכען, ווייל ביידע זיינען איין זאַך. אויב אַ מענש היט נישט אָפּ זיין וואָרט פעלט אים גלויבען אין ג־ט, ווייל מדות און דעות זיינען איינס, און אַ מענש קען נישט זיין שלם אין מדות אָן דעות, אָדער אין דעות אָן מדות, ווייל אויך וויפיל עס פעלט אַ מענש אין מדות אויף אַזויפיל פעלט אים אין דעות. און אויב עס פעלט אים אין דעות קען ער נישט זיין קיין בעל מדות. (דאָס האָבען מיר געזען אין דער לעצטער צייט, ווען אַ גאַנץ פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות טורפות, צווישען זיי זיינען געווען גלויביגע, געלערענטע, פילאָזאָפען און בעלי מדות.) טאָ ווי אַזוי האָט דאָס געקענט פּאַסירען? נאָר נאָכ׳ן תורה׳דיגען באַגריף איז דאָס לייכט צו פאַרשטיין. אָן די תורה מדות איז דער גלויבען קיין גלויבען נישט און דעריבער קענען די אומות העולם ווערען פאַרוואַנדעלט אין חיות טורפות און אפילו דאָס באַרעכטיגען.

וואָס מיינט ריינער גלויבען אין בורא עולם? דער ענפער איז צו פאַר־שטיין, אַז ער האָט מיר געשאַפען כדי מיט מיר צו טאָן גוטס און אויף מיר משפיע צו זיין זיין ליבטיגקייט און גוטסקייט. טאָ ווי קען אַ מענש זיין אַ גלויביגער און דערביי נישט משפיע זיין צו דער וועלט זיין גוטסקייט וואָס ער האָט אין זיך און פאַרמאָגט, ווייל אויב ער האַלט דאָס פאַר זיך אַליין און וויל נישט משפיע זיין צו קיין אַנדערן, ווייזט ער, אַז ער איז

דער היפוך צום באַשעפער. אויב דער בורא האָט באַשאַפען אים צוליב משפיע זיין אויף אים גוטסקייט, מיינט עס, אַז דער ריכטיגער וועג איז משפיע צו זיין און דאָס גיט דעם מענשען דעם כח פון שאַפען, און אויב ער טוט דאָס נישט און שאַפט נישט קיין גוטעס, האָט ער דעם בורא קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען. דער תורה־וועג איז אַז מדות און דעות זיינען איינס און קענען נישט אָפּגעטיילט ווערען. אויב אַ מענשען פעלט אין מדות פעלט אים אין דעות אויב עס פעלט אים אין דעות פעלט אים אין מדות.

תורה׳דיגע שלמות מיינט שלם אין מדות און דעות צוזאַמען, ווייל דאָס איז איין זאַך און קען נישט געשפּאָלטען ווערען. צו זיין אויפ׳ן וועג פון תורה־שלמות מיינט „דע את אלקי אביך ועבדהו בלבב שלם כי כל לבבות דורש השם״. האַרץ און קאָפּ מוזען גיין צוזאַמען און דאָס איז דער דרך השלמות.

די גרויסקייט פון קלייניקייטען

השקפה'דיגע באַטראַכטונגען אַרויסגעלערענט פון תנ"ך

עס איז באמת נישטאָ קיין קלייניגקייטען. יעדער זאַך אין מענשענס לעבען איז וויכטיג און גרויס. דער מענש איז באַשאַפען בצלם אלקים און דאָס מאַכט יעדער שריט זיינע וויכטיג. ווי אַ מאַשין וואָס עס פעלט אין איר אַ שרייפעל, קען זי נישט אַרבעטען אַזוי ווי עס וואָלט געפעלט אין איר אַ גרויסער חלק פון איר, אַזוי איז דער מענש. אַ קלייניגקייט קען זיין איז דער שרייפעל צו זיין צלם אלקים און ווען די קלייניגקייט פעלט אים, פעלט אים אין זיין גרויסקייט.

אין גוטע זאַכען ווי אין שלעכטע דאַרף דער מענש שטענדיג זיין פאַר־זיכטיג מיט זאַכען וואָס ער רעכענט פאַר קלייניגקייטען.

צייטענווייז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען ראַטעווען אַ מענשען, איז דער גאַנצער געדאַנק פאַרנומען דערמיט און מען פאַרגעסט דערביי צו טראַכטען, אַז דעם מענש וואָס מען וויל אים ראַטעווען איז נאָר אַ מענש און עס קען זיין אַז ער איז הונגעריק, ליגט אַ חוב אויף דעם מענשען, וואָס ראַטעוועט אים, נישט צו פאַרגעסען אַז אויסער ראַטעווען זיין לעבען דאַרף ער אויך זאָרגען פאַר די אַלע נויטיגקייטען פון דעם מענשען וועלכען ער ראַטעוועט מיט גרויס מסירות נפש.

די חז"ל מאָנען דאָס און פאַרלאַנגען דאָס פון אונז.

עס האָט געטראָפען, וועןביידע זאַכען זיינען געקומען צוזאַמען: מען האָט געראַטעוועט אַ מענשען און דערביי אים געאָפערט גרויסע גליקען און פאַרגעסען אַ קלייניגקייט, אַז מען דאַרף אים געבען אַ שטיקעל ברויט צום עסען — אפשר איז ער הונגעריג. און דאָס האָט כמעט געביטען די היסטאָריע פון אַ פאָלק:

יהונתן איז פאַרנומען מיט ראַטעווען דוד'ן, און דערביי גיט ער אים

אַוועק אַ מלוכה, מלכות ישראל מיט די אַלע גרויסקייטען פון מלכות ישראל, און דערצו ראַטעוועט ער אים פון טויט און גרייט אים צו צו מלכות ישראל, אָבער איין זאַך האָט יונתן פאַרגעסען: צו ברענגען צוויי שטיקלעך ברויט צו דוד׳ן. ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט ראַטעווען אים, און שטאַרקען אים און צוזאָגען אים די מלוכה, אַז ער האָט פאַרגעסען מיטצונעמען די שטיקלעך ברויט. עס קען זיין, אַז ווען ער וואָלט מיטגענומען די ברויט וואָלט דאָס אַרויסגערופען דעם חשד פון נושא כלים און זיין גאַנצער פּלאַן פון הצלה וואָלט ניט געאַרבעט. אָבער די חז״ל מאָנען דאָס און זאָגען (סנהדרין ק״ד) ווען יונתן וואָלט געבראַכט צו דוד׳ן צוויי לעבלעך ברוט, וואָלט נוב די שטאָט פון די כהנים נישט אומגעקומען, דואג האדומי וואָלט קיין לשון הרע נישט גערעדט און שאול און זיינע דריי קינדער, איינגעשלאָסען יהונתן, וואָלטען נישט אומגעקומען.

דאָס מיינט, אַז יהונתן וואָלט זיך נישט אומגעבראַכט אַליין. דורך זיין מעשה פון יעצט, איז ער שפּעטער געטויטעט געוואָרען. און נישט נאָר ער אַליין, נאָר אויך זיין פאָטער און ברידער וואָלטען געראַטעוועט געוואָרען, און אַ מענש ווי דואג וואָלט נישט פאַרלוירען עולם הבא, און אַ שטאָט פון כהנים וואָלט נישט אומגעקומען. די חז״ל זאָגען, אַז דוד איז אויך געשטראָפט געוואָרען: צוליב דעם אומקום פון נוב עיר הכהנים זיינען שפּעטער אַלע זיינע קינדער אויסגעהרג׳עט געוואָרען, אויסער דעם קליינעם יואש.

דאָס לערענט אונז, אַז אין דער צייט פון גרויסע מעשים טאָר נישט פאַרקוקט ווערען קיין קליינigkeit, ווייל יעדער קלייניגקייט געטאָן דורך בחיר הנבראים איז גרויסקייט און קען פירען צו גרויסקייט.

שכר ועונש

מיר לעבען יעצט אין אַ אויסערגעווינליכע צייט ווען די שענסטע אידעאַלען פון מענשליכקייט און ברידערליכקייט ווערט געטראָטען מיט די פיס. און אין אידישען לעבען איז אַלעס מאַנאָטאָנע, אפילו די גוטע זייט פון אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען ווי צדקה איז מעהר אַלס הרגל ווי א חוב. און עס ציטערט ניט אויף אונזער האַרץ אויף דעם גרויסען וועלט צער און דאָס לעבען געהט אַן ווי געוועהן. און וואָס עס באַלאַנגט צו אידישקייט און חנוך איז אַזוי טרויעריג, עס קוקט כמעט אויס ווי אַ חורבן. און אויב מיר זאָלען אַננעמען ווי ר׳ חיים וואָלאָזינער דריקט זיך אויס אין נפש החיים „איז דאָס נאָך ערגער פיל מעהר ווי דער חורבן", ווייל דער חורבן איז געמאַכט געוואָרען דורך גוים און דער חורבן קומט דורך אידען און איז פוגם אין די אייביגקייט אַליין. פאַרשידענע ענטפערס ווערען געגעבען און פאַרשידענע עצות, און מען פאַרגעסט דערביי דאָס פשוט׳סטע אַז דאָס איז אַ פועל־יוצא ווייל מיר זיינען שוואַך געוואָרען אין אמונה.

דער אידישער לעבען מיט 50 יאָהר צוריק, איז געוועהן אָריגינעל, דער איד האָט געגלויבט אין דער תורה אַז דאָס איז אַלעס פאַר איהם. ער האָט זיך ניט געגויטיגט אין קיין זאַך אויסער תורה, ער האָט פאַרמאָגט אמונה און בטחון און האָט געגלויבט אין שכר ועונש. יעדער מענש האָט געהאַט זיין באַגריף וועגען שכר ועונש. דער גיהנם איז ניט געוועהן גלייך צו אַלעמען אויך דער גן־עדן איז געוועהן אַ פאַרשידענער פון שור הבר און לויתן ביז צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה. יעדער איינער איז געוועהן ריכטיג נאָך זיין השגה, ווי דער רמב״ם זאָגט אין זיין הקדמה אין כל ישראל יש להם חלק. דער איד האָט געוואוסט אז דאָ איז נאָר אַ פרוזדור. מען האָט שוין געמאַכט דעם פרוזדור. קיין פאָלק האָט אַזוי ניט אָפּגעשאַצט די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון לעבען ווי דער איד, יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא, דער איד

האָט לעבען פאַרשטאַנען העכער ווי די סטאַטיסטיקער און אַלע פילאָזאָפען. איז דער אידישער לעבען פול געווען מיט תורה, זיינען פול געווען די ישיבות און תלמוד תורה'ס און אידען האָבען זיך געשעצט גליקליך ווען זייערע קינדער זיינען געווען תלמידי חכמים. יעצט איז אַנדערש. עס זיינען געקומען רשעים וואָס האָבען געוואָלט ווייזען זייער קלוגשאַפט, און האָבען פאַרוואַנדעלט דעם מענשען אין אַ מאַשין. זיי האָבען ווי איינפאַכע גזלנים צוגענומען ביים מענשען השארת הנפש, תחית המתים און אמונה אין שכר ועונש. יעדער מענש ווי גרויס און ווי קלוג ער זאָל זיין דאַרף האָבען א צוועק פאַר וואָס ער לעבט און מאַכט דורך די וועלט. דער צוועק וואָס איז געווען השארת הנפש, תחית המתים, דער טוב הצפון לצדיקים, האָט דעם מענשען געטריבען צו רוחניות.

האָט דער איד אויסגעלאַכט זיינע שונאים וואָס האָבען ניט קיין רוחניות און די גוטע גוים האָט ער באַזאָרגט מיט אייביגקייט אַז „חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא". אָבער מיר לעבען יעצט אין אַזאַ צייט ווען די אמונה אין דעריין איז שוואַך.

היינט רעדען אונזערע גייסטיגע פירער וועגען אַלעס אין דער וועלט אָבער ניט וועגען שכר ועונש. די אַמאָליגע מוטער האָט ערצויגען איהר קינד אַז ביינאַכט געהט די נשמה אַרויף צום בורא אָבגעבען דין וחשבון „וכל מעשיך בספר נכתבים" דער מענש האָט געוואוסט ער איז פאַראַנט־וואָרטליך פאַר ג־ט. אָבער ווען דאָס אַלעס איז פאַרשוואונדען פון טעגליכען לעבען איז געקומען אַן הפקרות, אַ דור פון בר מצוה און קלייניגקייטען.

לימוד התורה

לימוד התורה איז ניט נאָר אַ מצווה, נאָר אויך גרויס אַלס לימוד אַליין (גדול למוד שמביא לידי מעשה) — לעולם ילמוד אדם שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה", — פאַרטייטשען ראשונים, אַז תורה לערנען וועט דעם מענשען מאַכען ליכטיג און קלאָר, און ווען ער וועט דערזען די גרויס־קייט פון תורה, וועט ער תשובה טאָן אויפן „שלא לשמה", דאן וועט אויך דער „שלא לשמה" ווערען „לשמה".

עס דוכט זיך, אַז יעדער ווייס וועגען לימוד התורה און מען דאַרף וועגען דעם ניט מער שרייבען, נאָר ווי עס זאָגט ר' משה חיים לוצאַטי, אין דער הקדמה פון מסילת ישרים, אַז די גאָר באַוואוסטע זאַכען פאַרגעסט מען טאַקע צוליב דער באַוואוסטקייט. דאָס זעלבע איז וועגען לימוד התורה.

לימוד התורה הייבט אויף דעם מענשען פון טאָג־טעגלעכען לעבען און פירט אים אַריין אין שמי שמים; איז אַ מענש פאַריאָגט, פאַרשקלאַפט צו דעם טאָג־טעגלעכען לעבען, ווערט דאָס לעבען פאַרדאַלאַרט, זעט מען ניט די אמת'ע שיינקייט פון לעבען, מען האָרעוועט פאַר נאַרישע קלייניג־קייטען. פלוצלונג האָט מען זיך געזעצט לערנען און מיטאַמאָל פאַרשווינדען אַלע קלייניגקייטען, מען גייט אַריבער ווי ביי קבלת התורה צו די הויכקייטען פון אייביגקייט, צו דער וועלט פון רבונו של עולם, צו די געדאַנקען פון אביי ורבא, מען לעבט אין דער וועלט פון די תנאים ואמוראים, אין דער וועלט פון נביאים און ווי ליכטיג איז דאָרטען אַלעס, מען זעט יעדער זאַך באספקלריא המאירה.

אָט, דוכט זיך, אַ איד לערנט אַ פשוט'ע זאַך, אַזאַ משנה ווי „השוכר את הפועלים", דינים פון דער באַציאונג פון בעל הבית מיטן אַרבעטער, און אַפילו אויך דאַן פאַראייניגט ער זיך מיטן קודשא בריך הוא. דוכט זיך, די וועלט האָט אויך דינים וועגען אַרבעטער און בעלי בתים, אָבער דאָרטען ווערט מען ניט אַריבערגעטראָגען אין עולמות פון אצילות.

אָט לערנט אַ איד ווי רב נחמן האָט געדונגען אַרבעטער איבערצוטראָגען פעסער וויין. האָבען די אַרבעטער צעבראָכען אַ פאַס און רב נחמן האָט פאַרהאַלטען זייערע קליידער. איז מען געקומען צו אַ דין תורה פאַר רבא, האָט רבא געהייסען אָפּגעבען די קליידער. פרעגט אים רב נחמן: „דינא הכי?" איז דאָס דען דער ריכטיגער דין? האָט רבא געענטפערט: „למען תלך בדרך טובים". די אַרבייטער זענען אָרעם, אַז רבא האָט רחמנות אויף זיי, האָבען זיי געזאָגט, מיר האָבען געאַרבעט שלעפּענדיג די פעסער און מיר גייען אַהיים אָן באַצאָלט פאַר דער אַרבעט. האָט רבא געהייסען זיי באַצאָלען. פרעגט רב נחמן, איז דאָס אַזוי דער דין? האָט רבא געענטפערט: „וארחות צדיקים תשמור".

לערנט אַ איד וועגען דעם און עס פאַרווילט זיך אים זיין ווי רבא האָט גע־פסקנ'ט, אַז ביי רב נחמן בלייבט דער לפנים משורת הדין — דין, דאָס מיינט, אַז דער דין גייט נאָך די גרויסקייט פון מענשען. פאַרבינדט מען די תורה למעשה, ווערט מען אַנדערש, הויבט מען זיך אָן צו פירען לפנים משורת הדין, ווערט דאָס לעבען תורה'דיג, שוועבט מען אין די וועלטען פון רוחניות, ווערט דאָס לעבען זיס, בענקט זיך נאָך גרויסקייטען. און אַזוי האָט ר' נחומ'קע גראָדנער געזאָגט: „רבונו של עולם, דאָס איז מיין פאַרלאַנג צו האָבען אין גן־עדן אַ וואַרעמען אויוון, אַ סלאָוויטער ש"ס גמרא און אַ ר' עקיבא אייגער", קען נאָך זיין אַ גרעסערער פאַרגעניגען ווי לערנען תורה? לערנט מען תורה ווערט מען פול מיט שמחה, פאַרשווינדען אַלע ספקות „אין שמחה כהתרת הספקות", וואויל איז דעם מענשען וואָס לערנט תורה, ער פילט עולם הבא ביים לעבען.

קומט זומער, ווערט הייס, זיצט רבא און לערנט תורה, וויל עמעצער צונעמען זיינע קליידער, קומט אַ שלאַנג און היט זיי אָפּ. אָבער רבא, ער ווייסט ניט פון די היץ, ער איז אין דער וועלט וואו אַלעס איז פאַראייניגט מיטן קודשא בריך הוא, ער פילט ניט קיין היץ. זיינען די אָווענטען קורצע שטייט מען אויף פאַרטאָג, און מען לערנט תורה. הרב קאמאי זצ"ל, דער מירער ראש ישיבה, האָט אַמאָל געזאָגט, איך פלעג אויפשטיין זומער פרי,

כדי צו לייענען קריאת שמע מיט דעם נץ החמה, האָט מען געזאָגט אין שמע „ודברת בם", מען זאָל שטענדיג לערנען. טאָ ווי קען מען זיך לייגען צוריק שלאָפען? פלעג איך שוין אין די זומערדיגע טעג זיך זעצען לערנען ביי 3 אַזייגער פאַרטאָג. ווי געשמאַק איז צו לערנען תורה פאַרטאָג, שפעט ביינאַכט די וועלט שלאָפט, רואיגקייט שוועבט אין דער לופט, ווי גוט איז צו זיצען דאָן אין די לאנגע ווינטער־אָווענטען און פאַרטיפען זיך אין תורה. קען נאָך זיין אַ גרעסערער אָפּרו ווי אָפּרוען זיך פון טאָג־טעגליכקייט דורך לערנען תורה?

פאָרען אידען זיך אָפּרוען זומער, דאַרף מען ניט פאַרגעסען איינצופּאַקען מיט זיך דעם ספר, דעם חומש, די גמרא, דעם שולחן ערוך א.ד.גל.. עס ליגט אַ חוב אויף יעדען צו זען, אַז מען זאָל אָרגאַניזירען קלאַסען בחברותא צו לערנען תורה. זאָל דער קול התורה געהערט ווערען אין די זומער־פלעצער. וואָס שטאַרקער דער קול התורה וועט זיין, וועט אַלץ דער פאַרגעניגען זיין שטאַרקער און גרעסער, וועט דער וואַקיישאָן זיין פול מיט פרייד, וועט מען דורך די זומער־חדשים געגרויסט און געשטאַרקט ווערען.

השארת הנפש

פאַר טויזנטער יאָרן שטייט פאַרן מענשען די פראַגע: וואָס עס ווערט פון מענשען נאָכדעם ווי די נשמה גייט אַוועק פון גוף? וואָס ווערט מיטן גוף און וואָס ווערט מיט דער נשמה? וואו גייט די נשמה אַוועק און וואָס ווערט פון דער נשמה? וועט די נשמה צוריקקומען צום גוף ווי עס איז געווען פאַרן טויט, אָדער ס'וועט זיין עפּעס אַנדערש? בענקט די נשמה נאָכן גוף? קריגט די נשמה אַליין דעם שכר פאַר גוטע מעשים, אָדער אויך דער גוף קריגט אַ חלק דערין? ווערט דער גוף גע'משפט פאַר שלעכטע מעשים, אָדער נאָר די נשמה אַליין? און וואָס וועט זיין מיטן מענשען אין דער צייט פון תחיית המתים? וואָס איז השארת הנפש, וועלכער חלק פון מענשען בלייבט איבער? און וואָס איז בכלל נשמה?

אָט די אַלע פראַגעס, און נאָך מער דערפון, דערוועקען זיך אין אונז ווען מיר טראַכטען זיך דערין אריין. פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטען, אַז עס איז בעסער ניט אַריינטראַכטען אין אַזוינע פראַגעס. אָבער מיר דוכט זיך, אַז עס איז בעסער צו וועלען עס פאַרשטיין. דער רמב"ם אין זיין הקדמה צו „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא" זאָגט, אַז דער מענטש, זייענדיג אין אַ קערפּער, פאַרשטייט, אַז אַלע ענינים פון השארת הנפש דאַרפען זיין פאַרבונדען מיטן גוף און עס איז אים שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי קען די נשמה בלייבען אַליין, אָן דעם גוף. דער רמב"ם רעכענט אויס די דרייצען עיקרים, און לויט ווי ראשונים פאַרטייטשען עס, איז לויטן רמב"ם פאַראַן אַ חילוק צווישען עולם הבא, וואָס דאָס איז גלייך נאָך דער פטירה, און תחיית המתים, וואָס וועט קומען שפּעטער. עולם־הבא נאָך דער פטירה — צדיקים יושבים ונהנים מזיו השכינה. אויך דער מאירי, אין אָנפאַנג „חלק" זאָגט, אַז די אנשי כנסת הגדולה האָבען דאָס באַטאָנט אין שבת'דיגען דאַוונען: אין כערכך בעולם הזה ואין זולתך לחיי עולם הבא ... גואלנו לימות המשיח ואין דומה לך מושיענו לתחיית המתים". אַזוי איז דער סדר. עולם

הבא הויבט זיך אָן תיכף אַחר הפטירה, און דאָס איז מער נשמה׳דיק. ער דערמאָנט, אַז ער שרייבט אַ חיבור וועגען דעם, מיר איז אָבער ניט אויס־גיקומען צו זען.

מען האָט געפרעגט דעם רשב״א: ווי אַזוי איז דער משפט נאָך דער פטירה אויפ׳ן גוף, ווען מען זעט אַז דער גוף ליגט אומבאַרירט, טאָ ווי אַזוי זאָגט די גמרא קָשה רימה למת? האָט דער רשב״א געענטפערט, אַז דער משפט איז טאַקע נאָר אויף דער נשמה און בלויז זי אַליין ווערט געמשפט, און דאָס מיינט, אַז זי פילט ווי ס׳וואָלט געווען קשה. ר׳ מנשה בן ישראל אין זיין „נשמת חיים״ איז דערמיט נישט מסכים און ער זאָגט, אַז געוויס ווערט דער גוף אויך גע׳משפט. ער מאַכט אָבער אַ חילוק אַז אין גוף זיינען פאַראַן פאַרשיידענע טיילען, איין טייל איז אַ פייערדיגער, און ער ווערט כמעט ווי באַהעפט מיט דער נשמה.

אלכסנדר הפרדסי זאָגט, אַז השארת הנפש מיינט, אַז דער שכל האדם בלייבט איבער לויט דעם וויפיל ער האָט זיך עוסק געווען אין שכל אויף דער וועלט. ער רעדט, פאַרשטייט זיך, וועגען דעם ריכטיגען שכל, דעם שכל אלקי.

דער ריטב״א זאָגט אין ראש השנה דף ט״ז אויפ׳ן מאמר חז״ל „צדיקים לחיי עולם הבא״, דאָס איז תחיית המתים בגוף ונפש, שנאמר „ורבים מישיני אדמת עפר יקיצו״ און ער דערקלערט דאָס וואָס עס שטייט ורבים און ניט אַלע וועלען אויפשטיין, כאָטש עס איז זיכער אַז אַלע וועלען אויפשטיין צום דין, ווייל די אבות העולם, די נביאים און די גדולי חסידי ישראל, זיי האָבען זוכה געווען פריער צו תחיית המתים אין גן עדן בגוף ונפש און זיי זיינען שושבינין להקדוש ברוך הוא און זיי וועלען דעריבער ניט האָבען קיין שייכות צו דעם דין ומשפט, עס איז אָבער דאָ אַ תחיית המתים בזמן המשיח פאַר די צדיקי ישראל וואָס זיינען נפטר געוואָרען אין גלות, אַז זיי וועלען לעבען און וועלען זיין ווי די בני עולם הזה. קומט אויס לויט דעם ריטב״א, אַז עס איז פאַראַן אַ תחיית המתים וואָס קומט פאַר שטענדיק און אַ תחיית המתים לימי המשיח וואָס וועט זיין בגוף ונפש בעולם הזה, און אויך אַ תחיית המתים בגוף ונפש פאַר די אָבות העולם בעולם הבא.

רבנו סעדיה גאון פרעגט: דער רבונו של עולם האָט דאָך באַשאַפן די וועלט, און דאָך איז אָדם הראשון געווען אין גן־עדן — צו וואָס האָט ער געדאַרפט באַשאַפן עולם הזה? מען האָט דאָך ניט באַשאַפן די וועלט אומזיסט אַפילו ווען אדם הראשון וואָלט פון עץ הדעת ניט געגעסן. און ער ענטפערט, אַז די וועלט מיט׳ן גן עדן וואָלטן דאַן געווען ווי די שול און דער מאַרק. אין דער וועלט וואָלט דער מענטש געלעבט עטליכע הונדערט יאָר, דאַן וואָלט ער צוזאַמענגערופען אַלע גוטע פריינד און זיי געזאָגט, אַז ער פאַרלאָזט איצט דעם עולם הזה און ער גייט איצט אַוועק אין גן עדן התחתון. מען וואָלט געווען געמאַכט פאַר אים אַ שמחה און מ׳וואָלט אים אַוועקגעשיקט צום גן עדן התחתון, מ׳וואָלט אים צוגעפירט צום וועג וואָס פירט צום גן עדן התחתון, און דאָרט וואָלט ער געוואָרען אַזוי ווי אליהו הנביא. דורך דעם דאָזיגען וועג פלעגט קומען רבי יהודה הנשיא פרייטאָג אָוועגד. די תנאים ואמוראים האָבען פון דעם וועג געוואוסט, אָבער בסוף זמן האמוראים איז דער וועג פון אונז נעלם געוואָרען.

קומט אויס, אַז עס איז פאַראַן אַ גן עדן התחתון און אַ גן עדן העליון. די נשמה איז אין גן עדן התחתון תיכף לאחר הפטירה, אָבער דער גן עדן העליון איז מער אויף לעתיד לבוא.

גדולי העולם פלעגען זאָגען, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך פאַר׳ן טויט. דאָס איז פונקט ווי מ׳גייט אַריבער פון איין צימער אין אַ צווייטען.

פון דער גמרא אין ברכות און דער גמרא אין שבת וואו עס ווערט דערציילט ווי ר׳ נחמנ׳ס אַרבעטער האָבען גראָבענדיג אין דער ערד געפונען ר׳ הושיעא קומט אויס, אַז אַ מת ווייסט יאָ וואָס עס קומט פאָר אויף דעם עולם. די גמרא דערציילט ווי אבוה דשמואל האָט דערציילט זיין זון שמואל׳ן ווען ער איז צו אים געקומען אויפ׳ן בית החיים, וואו דאָס געלט וואָס ער האָט געזוכט געפינט זיך. גדולים האַלטען, אַז די נשמה ווייסט וואָס עס טרעפט מיט דער פאַמיליע אויף דעם עולם, און די נשמות זיינען אין די דאָזיקע ידיעות פאַר אינטערעסירט. לויט דעם אויבען געבראַכטען קומט ביי מיר אויס צו זאָגען דאָס פאָלגענדע:

די נשמה מיט׳ן גוף זיינען פאַר אַ געוויסער צייט געווען צוזאַמען. דער

גוף געשטרעבט צו טאָן אַלץ וואָס דער גוף האָט פאַרלאַנגט און די נשמה האָט געשטרעבט צו טאָן אַלץ וואָס איז געטליך. די נשמה איז געגעבען געוואָרען אין דעם גוף פון ג־ט, ווי עס שטייט: „ויפח באפיו נשמת חיים מאן דנפח מדיליה נפח״, און ווען די נשמה גייט אַרויס פון גוף, גייט זי צוריק צום פּלאַץ פון וואַנען זי איז גענומען געוואָרען: „והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים עם ה׳ אלקיך״, ד.ה. אַז די נשמה געפינט זיך דאָן במחיצתו של הקב״ה. אָבער אַזוי ווי זי האָט בעת׳ן קערפּערליכען לעבען געמאַכט פון דעם גוף אַן אייביגקייט, זי האָט דאָך געמאַכט דעם קערפּער צו פאַלגען דער נשמה, במילא קען דער קערפּער פון איר ניט פאַרשווינדען אינגאַנצען. מען קען דאָך נישט זאָגען אַז דאָס וואָס עס שטייט כי עפר אתה ואל עפר תשוב מיינט, אַז דער גוף ווערט פּונקט אַזוי ווי ער איז געווען פריער, וויבאַלד דורך דעם עפר איז דאָך שוין דורכגעגאַנגען לעבען, מוז ער שוין בלייבען אין דער דאָזיגער מדריגה (ווי די גמרא דערציילט אין שבת וועגען רב נחמנ׳ען). פון דער צווייטער זייט, אויב די נשמה איז נאָכגעגאַנגען דעם קערפּער, איז דער נשמה שווער צוריקצוקומען צו איר פּלאַץ פון וואַנען זי איז געקומען, ווייל די חומריות שלעפּט זי מיט.

קומט אויס לפי עניות דעתי דער ענטפער צו די פראַגען:

א) וואָס איז נשמה?

נשמה איז דער חלק אלקי ממעל וואָס איז אַריינגעבלאָזען געוואָרען אינ׳ם גוף דורך דעם בורא עולם, ווי עס שטייט אין זוהר „מאן דנפח מדיליה נפח״.

ב) וואָס איז גוף?

דער גוף איז אַ חלק וואָס האַלט אין זיך אויף די נשמה און די נשמה מאַכט פון דעם קערפּער אייביגקייט. איך מיין ניט אייביגקייט אין דעם באַגריף פון סאָקראַטעס, אַז „יעדער זאַך וואָס ווערט געשאַפען אין דער וועלט וועלכע איז אייביג איז אויך אייביג״. דאָס איז צו שטחיות׳דיג און נישט ריכטיג. איך מיין צו זאָגען: וויבאַלד די נשמה האָט געלעבט אין

גוף איז זי געוואָרען אויף אים אַ משפיע און זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ חלק פון אייביגקייט, וואָס מיינט שלימות.

ג) בענקט די נשמה נאָכ'ן גוף?

ביי מיר קומט אויס, אַז אויב זי האָט פון דעם גוף געמאַכט אַ חלק פון נצחיות און די נשמה וועט צו תחיית המתים צוריקקומען צום גוף, טראַכט זי וועגען אים, כאָטש די מחשבה איז רוחניות'דיג, נשמה'דיג ניט ווי איר מחשבה ווען זי איז אין גוף, פון חז"ל זעט מען אויך אַז דער קערפּער ווייסט אויך עפּעס פון די מחשבות פון דער נשמה, ווי זיי זאָגען: „שפתותיו דובבות בקבר", וואָס דאָס זיינען דאָך מחשבות וואָס האָבען אַ שייכות צו נשמה.

ד) וואו גייט אַוועק די נשמה נאָך דער פּטירה?

די נשמה גייט צוריק אין אוצר הנשמות. וואָס איז עס אַזוינס? דאָס איז זיכער נישט קיין מקום, ווייל פאַר דער באַשאַפונג פון מקום איז דאָך דער מקום נישט געווען, ווייל „הוא מקומו של עולם ואין העולם מקומו", דאָס מיינט, אַז מקום איז באַשאַפען געוואָרען. במילא דאַרף מען זאָגען אַז די נשמה גייט צוריק אין אַ מקום וואָס איז נישט־מקום, זי גייט דאָרט וואו עס איז למעלה מן המקום והזמן, ווייל בצלם אלקים עשה את האדם. און דאָס איז כמאמר הכתוב „והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים עם ה' אלקיך".

ה) וואָס מיינט השארת הנפש?

מ'דאַרף דאָ מדייק זיין איב'ם לשון. ער זאָגט השארת הנפש און נישט השארת הנשמה. דאָס מיינט, אַז בלויז אַ חלק פון דער נשמה, וועלכער ווערט גערופען „נפש", בלייבט אין דער וועלט אָדער אין גן עדן התחתון וכדומה.

ו) ווער קריגט דעם שכר פאַר מעשים טובים?

דעם שכר קריגען ביידע, סיי דער גוף און סיי די נשמה, יעדער לויט זיינע אויפטוען אין דעם עולם. אויך דעם עונש קריגען ביידע, יעדער לויט זיין מדרגה.

ז) וואָס וועט זיין בזמן התחי׳ ?

לויט חז״ל וועלעןביידע, דער גוף און די נשמה, צוזאַמענקומען, און דער מענטש וועט אויפשטיין אין זעלבען אופן ווי ער איז אַוועק. ער וועט דאַן אויך געהיילט ווערען פון זיינע חלאת׳ן.

ח) וואָס וועט דער קערפּער טאָן בזמן התחי׳, ווען די וועלט וועט זיין רוחניות׳דיגער ?

ווי עס ווייזט אויס וועט דער גוף בזמן התחי׳ צוקומען צו גאָר אַ גרויסער מדריגה. עס וועט אַרויסשיינען פון דעם גוף נצחיות און ער וועט מיטגיין מיט דער נשמה אין דעם עולם שכולו טוב וארוך.

ט) ווי וועט אויסזען דער עולם שכולו טוב ?

אויף דעם שטייט : „עין לא ראתה אלקים זולתך״. הרחמן הוא יזכנו לימות המשיח. ולחיי העולם הבא.

דער מהות פונ'ם כינוס פון דער אגודה

א.

יעדער קאָנווענשאָן ברענגט נוצן. חברים לדעה טרעפען זיך צוזאַמען, מען פאַרבינדט פריינטליכע באַציאונגען, מען הערט נאָך אַמאָל די אידעאָלאָגיע פון דער אָרגאַניזאַציע, מען קלייבט אויס נייע אָפיסערס, מען מאַכט באַקאַנט־שאַפט. ווען אַן אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציע מאַכט אַ קאָנווענשאָן קומט נאָך צו צו דעם „אָז נדברו יראי השם איש אל רעהו", מען הערט אַ דבר תורה און מען לערנט עפּעס.

דער רבנו יונה אין שערי תשובה זאָגט, אַז ווען גדולי ישראל און לומדי תורה קומען זיך צוזאַמען צו באַטראַכטען ווי אויסצובעסערן דעם מצב פון אידישקייט, איז דאָס אַ גדר פון תשובה.

אַן אגודת ישראל־קאָנווענשאָן איז אַ קאָנווענשאָן פון אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך גדולי התורה פון לעצטן דור, וועמענס וואָרט איז פאַר אונז אַ דבר הלכה; דעריבער איז אַן אגודה־קאָנווענשאָן אַ תורה־קאָנווענשאָן.

אין לעצטען דור איז געקומען צו אַ סינטעז פון מזרח און מערב. זיי האָבען זיך פאַראייניגט און געשאַפען די אגודת ישראל. אויך איצט איז דאָס די אָרגאַניזאַציע פון די גדולי התורה והיראה און דעריבער איז איר צוזאַמענקונפט אַ גרויסע געשעעניש.

ב.

אין ארץ ישראל לערנט מען תורה אין די ישיבות און טויזענטער תלמידי חכמים פילען אָן ד כותלי בית המדרש, אָבער פון דער צווייטער זייט איז אַ ביטערער „קולטור־קאַמף" געגען תורה און מען מוז זען דעם קאַמף צו געווינען און פאַרשפרייטען מער אידישקייט אין ארץ־ישראל.

אויך אין אַמעריקע, וואו עס האָבען זיך פאַר די לעצטע דרייסיג יאָר געמערט ישיבות, איז די עמי הארצות זייער גרויס.

אויך איז דער יאָר אַ שמיטה־יאָר אין ארץ־ישראל. סוף יאָר וועלען פאָרקומען וואַלען צו דער כנסת אין ארץ־ישראל. עס מוזען געמאַכט ווערען אָנשטרענגונגען צו פאַרגרעסערן די אָרטאָדאָקסישע רעפּרעזענטאַנץ אין כנסת.

פיל פּראָבלעמען שטייען פאַר דער קאָנפערענץ פון דער אגודת ישראל; מוזען די אַלע ענינים באַטראַכט ווערען, און אַן ענפער דאַרף קומען. נאָך מיין מיינונג דאַרף די קאָנווענשאָן אַרויסלאָזען אַ שטאַרקען רוף לחיזוק התורה והיהדות, אַ וואָרט וואָס זאָל דערהערט ווערען בכל העולם.

ס׳דאַרף גענומען ווערען אין באַטראַכט אַז אין די פאַרשטעט (סאָבאָרבס) מוזען געשאַפען ווערען אגודה־אָרגאַניזאַציעס, כדי צו פאַרשטאַרקען דאָרטן די ישיבות און אידישקייט בכלל.

ס׳דאַרף געזאָגט ווערען אַ קלאָרער וואָרט וועגען שאַפען אַ פאַראייניגטען פראָנט צו די כנסת־וואַלען!

איך שלאָג פאָר, אַז ס׳זאָל געשאַפען ווערען אַ סעמינאַר ביי דער אגודה, וואו איין מאָל אין חודש זאָל אין דער זעלבער צייט אין יעדער ברענטש פאָרקומען אַ יום עיון, וואו עס זאָל דערציילט ווערען וועגען אַ גדול בישראל און אָרומגערעדט ווערען די טעגליכע פּראָבלעמען וואָס באַרירען דער אָרגאַניזאַציע און יהדות בכלל. דאָס וועט צוזאַמענברענגען די חברים נענטער.

שלימות

(געדאַנקען)

פון אייביג אָן האָבען מענטשען געשטרעבט צו שלימות, צו גאַנצקייט אין לעבען אָן קאָנפליקטען, צו שלימות הנפש. זינט אדם הראשון האָט געגעסען פון עץ הדעת איז קיין רואיגקייט נישטאָ אין מענטשען, שטענדיג בענקט ער נאָך עפּעס, שטרעבט צו עפּעס ניי, איז קיינמאָל נישט צופרידען; מעג דער מענטש גרייכען צום הימעל, מיינט דאָס נישט, אַז ער איז גליקליך און צופרידען — „אם בין שמים תשים קניך משם אורידך״.

אייביג וועט ער שטרעבען צו נייע זאַכען און ווען ער וועט דאָס גרייכען, וועט ער פילען די זעלביגע פוסטקייט ווי פריער. די חז״ל ערקלערען, אַז ווייל די נשמה איז פון אייביגקייט, פון הימעל, חלק אלקי ממעל, איז אַפילו מען זאָל איר געבען אַלע פאַרגעניגענס פון דער וועלט וועט זי נישט זיין גליקליך, ווייל זי איז פון הימעל, פון הויכע און גרויסע וועלטען, קען קיין זאַך פון דער וועלט איר נישט צופרידען שטעלען.

דער מענטש קען זיין גליקליך אויך אין דער וועלט, ווען ער הויבט אויף זיין לעבען אין אַן אַנדער העכערער וועלט.

דאַן איז ער מער נישט פאַרבונדען מיט די ערדישע פאַרלאַנגען, מיט די אַלע טעגליכע קלייניגקייטען. ווען ער הויבט זיך אויף למעלה מן השמש, האָט ער דאָרט יתרון; ער לעבט אין די וועלטען פון אצילות און קדושה. אין וועלטען וואו קיין בענקענשאַפט איז נישטאָ, וואו דער מענטש גייט פון מדרגה צו מדרגה.

ווי אַזוי קען מען זיך באַפרייען פון די זאַכען וואָס רינגלען אונז אַרום און פרעסען אויף אונזער טעגליכען לעבען?

מענטש, דו האָסט אַ ג־טליכע נשמה אין דיר, דו האָסט אַ תורה געגעבען דורכ׳ן באַשעפער. אין דער תורה געפינסטו רואיגקייט, שלימות און אַ שיינע וועלט.

ווי עס האָט פאַרלאַנגט ר׳ נחומ׳קע גראָדנער זיין חלק עולם הבא; ער פלעגט זאָגען: איך וואָלט וועלען האָבען אַ סלאַוויטער ש״ס גמרא, אַ וואַרימען אויוועז, אַ סטרינגענע ליכט און אַ רבי עקיבא איגר — און קיין גרעסערען גן־עדן פאַרלאַנג איך נישט.

קען דען זיין אַ גרעסערער פאַרגעניגען ווי׳ אַרויסצוגיין פון טעגליכקייט און אַריינגיין אין דער וועלט פון רבי יהודה הנשיא, אביי און רבא?

ווען דו לערנסט תורה, ביסטו זיך מדבק מיט קודשא בריך הוא, דאַן נעמסטו די תורה מיט זיך וואוהין דו זאָלסט נישט גיין. דו קענסט דיין לעבען מאַכען תורה׳דיג; ווי גליקליך איז דער מענטש וואָס זיין לעבען איז תורה׳דיג. קיין קנאה און קיין שנאה, נאָר פרייד און גליקליכקייט.

קער זיך, מענטש, צו תורה און גליקליך וועט זיין דיין לעבען.

דער כוח פון תשובה

תשובה איז דאָס וואונדערלעכסטע וואָרט אין דער מענשלעכער שפּראַך.

תשובה איז דער סודות׳דיגער כוח, וואָס בעט איבער דעם מענש מיט זיין באַשעפער און מאַכט פון אַ רשע אַ צדיק. די טויערען פון תשובה זיינען פאַר קיין שום מענש ניט פאַרשלאָסען. ווי טיף ער זאָל ניט זיין געפאַלען. אויב אַ מענש האָט באַשמוצט זיין געטלעכע געשטאַלט און באַפלעקט דעם צלם אלקים, אויב ער האָט אַפילו עובר געווען אויף אַלע עברות שבעולם, קען ער זיך פאָרט אומקערען און אָנהויבען אַ ניי לעבען, ווערען כקטן שנולד, ווי ניי־געבוירען. אדרבה, ער קען אין זכות פון תשובה שטייגען אַלץ העכער און העכער און דערגרייכען אַזש דער העכסטער מדרגה. ער קען ווערען מער, ווי דער צדיק גמור. מקום שבעלי־תשובה עומדין, צדיקים גמורים אינם עומדין... (ברכות ל״ד).

אין דעם וואונדערלעכען וואָרט תשובה באַהאַלט זיך טאַקע אַ וואונדער, אַ קראַפט, וואָס מען קען על־פּי שכל ניט באַגרייפען. תשובה איז גורם, אַז פון זינד זאָל ווערען אויס זינד. תשובה קען משנה זיין זינד און זי פאַרוואַנדלען אין אַ מצוה, אויב זי איז נאָר אַן ערלעכע, אַן אמת׳ע תשובה, אַ תשובה מאהבה.

„תשובה ומעשים טובים כתריס בפני הפורעניות״. תשובה ראַטעוועט דעם מענש פון אונטערגאַנג און איז אַ פאַנצער אַפילו אויב דער הימלעשער פּסק, די געטלעכע גזירה איז שוין, חלילה, גאָר נאָענט. עס קען אויך טרעפען — און עס האָט זיך שוין געטראָפען — אַז אַ מענש האָט זיך אַראָפּגעגליטשט און איז אַראָפּגעזונקען ביז צום טיפסטען אָפּגרונט, ביז צו דער שאול תחתיה, רחמנא ליצלן. אָבער אויך פון דאָרט, פון בטן־שאול און ליגענדיג אינם „בויך פונם פיש״ האָט יונה הנביא זיך מיט זיין תפילה געראַטעוועט. דער רבונו־של־עולם האָט אים דערהערט פון דער טיפסטער טיפעניש...

דער כוח פון תשובה איז אָן אַ גרענעץ, אָן אַ שיעור און אָן אַ ערך. מען טאָר אַ גוסס ניט צומאַכען די אויגען, מחמת אויך אַ גוסס קען נאָך טאָן תשובה און אין איין מינוט פאַרריכטען די פעלערען פון גאַנץ לעבען. קורח׳ס קינדער זיינען שוין געשטאַנען אויפן סאַמע שוועל פון גיהנם, פונדעסטוועגען, אַז זיי האָבען געטאָן תשובה, האָבען זיי זוכה געווען, אַז פון זיי זאָל אַרויסקומען אַ שמואל הנביא. דער „מזמור לבני קורח״ האָט באַקומען דעם כבוד, מען זאָל אים זאָגען אין דעם אַנטשיידענדיגען מאָמענט פון תשובה, פאַר תקיעת־שופר, אַ סימן פון דעם גרויסען חשיבות, וואָס מען טיילט צו דעם דאָזיגען מזמור.

ביי אונז אידען ווערט תשובה באַטראַכט ווי׳ איינער פון די יסודות פונם וועלט־באַשאַף. אָן תשובה, הייסט עס, וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט. ועל התשובה מראש הבטחתנו, דאָס מיינט, אַז די מדה פון תשובה איז עלטער פונם מענש און איז באַשאַפען געוואָרען פאַר אים. אַזאַ השגה איז לויט דער אידישער אויפפאַסונג פון בחירה, פון פרייען ווילען, דורכאויס לאָגיש. מחמת אָן תשובה וואָלט אַ מענש, אַ בשר־ודם געקענט זיין אַ בוחר נאָר איין איינציג מאָל. אויב ער וואָלט געזינדיגט און געפאַלען, וואָלט ער זיך שוין קיינמאָל מער ניט געקענט אויפהייבען צוריק. די באַדייטונג פון תשובה וואָלט אַזוי אַרום געווען אַ באַגרענעצטע און איר ווערט אַ גאָר קליינער. אָבער מיט דעם אייביגען כוח פון תשובה קען אַ מענש שטענדיג און אין יעדער לאַגע אויסקלייבען דעם דרך, וואָס זאָל אים אַרויספירען צוריק אויפן רעכטען גלייז.

דער באַגריף פון תשובה ווערט פאָרמולירט שוין באַלד אין ספר בראשית. קין, דער ערשטער ברודער־מערדער, האָט אויך ווי דער ערשטער אַנטדעקט דעם כוח פון תשובה. ער האָט עס דער ערשטער אַרויסגעזאָגט, מי אל כמוך נושא עון...

ניט געקוקט אויף דער האַרבקייט פון זיין חטא, וואָס אין אָנהויב האָט ער אים געהאַלטען פאַר צו שווער, אַ מענש זאָל אים קענען דערטראָגען, האָט קין פלוצים פאַרט דערפילט, אַז אפשר איז נאָך ניט אַלץ פאַרלוירען. ער האָט חו׳טה געהאַט, האָט אָנגעהויבען אַ ניי לעבען און אַפילו אויפגעבויט

אַ שטאָט. קין, דער ערשטער רוצח, האָט געוויזען זיין פאָטער, אדם הראשון און דערמיט דער גאַנצער וועלט — דעם וועג פון תשובה.

אָבער מיטן מענשלעכען מוח, מיטן שכל אַליין קען מען דעם דאָזיגען ענין ניט משיג זיין. תשובה איז געווען און מוז בלייבען אַן איבערנאַטירלעכע זאַך, אַן אייביגער סוד.

דער גרויסער חוקר און מקובל ר׳ משה חיים לוצאַטאָ איז איינער פון די אומגעציילטע פילאָזאָפען, וואָס האָט אויך טיף אַריינגעטראַכט אין דער פּראָבלעם פון בחירה אין ידיעה, פון זינד און תשובה. אין זיין באַוואוסטען ספר, „מסילת ישרים״, פירט ער אויס, אַז עס איז איבער דער מענשלעכער השגה צו פאַרשטייען, ווי פון זינד זאָל ווערען אויס זינד, נאָכדעם ווי די עברה איז שוין אָפּגעטאָן. ווי קען מען עס, למשל, פרעגט לוצאַטאָ, תשובה טאָן אויף עסען טרפות, אויב די טרפות איז בפועל־ממש שוין אַריין אין מענשלעכען גוף? ווי קען תשובה אַרויסנעמען דעם פּגם פונם מענשלעכען סיסטעם?

ניטאָ דערויף קיין שכל׳דיגער, קיין ריין ראַציאָנאַלער ענטפער. דער איינציגער ענפער איז, אַז דערביי איז שולט הטבת־השם. אויב אַ מענש האָט חרטה און איז עוקר דעם רצון, וואָס האָט אים צוגערעדט צו דער עברה און אויב ער באַשליסט, אַז ער וועט לעתיד מער ניט עובר זיין, דאַמאָלט וואַשט כביכול אָפּ זיין זינד. דאַמאָלט ווערט דער חטא אָפּגעווישט, ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געווען...

נאָך די דאָזיגע באַמערקונגען וועט מען פאַרשטיין די הויכע מדרגה פון תשובה ביים אידישען פאָלק און ביי אידישע תלמידי־חכמים. ניטאָ כמעט קיין העכערס, קיין בעסערס און קיין שענערס פון תשובה, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט. יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא...

עס ווערט דערציילט, אַז קין האָט מגלה געווען דעם כוח התשובה צו אדם הראשון פרייטאָג פאַרנאַכט. אין יענער שעה, בעת מען גרייט זיך מקבל־שבת צו זיין, ווען עס קומט פאָר דער איבערגאַנג פון חול צו קודש, דווקא דאַמאָלט איז מפורסם געוואָרען דער דרך פון תשובה. דאָס איז אַ טיפער

רמז, אַ רמז, אַז תשובה איז ווי שבת מעין עולם הבא. דאָס דאַרף ווייזן, אַז תשובה מגעת עד כסא הכבוד, אַז תשובה פירט אַריבער פון וואָכעדיגקייט צו הייליגקייט, אויס דעם רעש און געטומעל פון דער צייט צו דעם שלום און דעם עונג פון דער אייביגקייט.

די גרויסקייט פון מענטש

אין דער וואונדערבאַרער תפילה פון ר׳ אמנון, ווערט באַשריבען ווי דער יום הדין זעט אויס אין הימעל, „און מלאכים שרעקען זיך״, מלאכים שכלים נבדלים וואָס לעבען אייביג, וואָס דאַרפען זיי זיך שרעקען פאַרן יום הדין, וואָס קענען זיי פאַרלירען און דערצו זיינען מלאכים ווייט פון זינד?

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם אַלטען פון קעלם, ר׳ שמחה זיסל זצ״ל, צי מלאכים האָבען בחירה, האָט ער געענטפערט, אַז אַוודאי האָבען זיי בחירה און קענען טאָן אַנדערש ווי מען הייסט זיי. נאָר אויך אַ מענש קען אַרויסגיין אין גאַס אין אונטערוועש, פונדעסטוועגען טוט ער דאָס ניט. דער מענש זעט, אַז עס איז מוסכם ביי דער וועלט, אַז דאָס איז אַ שאַנדע, היט ער זיך במילא דאָס ניט צו טאָן. דאָס זעלבע איז ביי מלאכים; אויך זיי קענען משנה זיין און זינדיגען, אָבער זיי פילען אין הימעל די גדלות הבורא, טאָ ווי זאָלען זיי משנה זיין און זינדיגען? (געהערט פון מנהל רוחני פון מירער ישיבה, הרב ר׳ ירוחם ליוואוויץ זצ״ל). טאָ פאַרוואָס שרעקען זיי זיך פאַרן יום הדין? ...

הגאון והצדיק ר׳ איצעלע פעטערבורגער, איינער פון די דריי תלמידים פון ר׳ ישראל סלנטר זצ״ל, פלעגט ענטפערען: דאָס אין אמת׳ן שרעקען זיך ניט די מלאכים פאַר זייער אייגענעם עקזיסטענץ, נאָר לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אַ מענש וואָס האָט אַ פילבאַר האַרץ וואָלט מיט איין בליק געקענט דערזען וואָס אַ מינוט אויף דער וועלט ברענגט, די אַלע אומגליקען און טראַגעדיעס, וואָלט דאָך זיין האַרץ אויסגעגאַנגען פון שרעק. בפרט מלאכים, שרפי מעלה, ווען זיי זעען ראש השנה, וואָס וועט פאַרקומען דורכן יאָר, וויפיל הייזער וועלען צובראָכען ווערען און וויפיל מיליאָנען מענשען וועלען דערביי ליידען, קענען זיי דאָס ניט גלייכגילטיג צוזען און שרעקען זיך פאַרן מענש. און ער פלעגט ענדיגען מיט דברי התעוררות; וויפיל דאַרף דער מענש זיך שרעקען פאַר זיך אַליין.

דער אַלטער פון סלאָבאָדקע פלעגט ענפערען: ראש השנה איז דער טאָג ווען יעדער נברא, איינשליסנדיג מלאכים, דאַרפן מאַכען אַ חשבון הנפש, ווייל ראש השנה איז דער טאָג וואָס דער מענש דאַרף עולה זיין אין שכל, עס איז דער טאָג ווי עזרא הסופר האָט אים באַטאָנט: „וחדות ה׳ היא מעוזכם״. ס׳איז אַ טאָג וואָס דער מענש דאַרף מאכען אַ חשבון ווי ווייט ער איז אַוועק פון דעם מקור און באַשליסען עולה צו זיין מער און מער בדרך חיים למעלה למשכיל, איז וואָס גרעסער דער שכל אַלץ גרעסער איז דער חשבון און מלאכים, שכלים נבדלים, שרעקען זיך אפשר האָבען זיי ניט דערגרייכט, וויפיל זיי האָבען געקענט דערגרייכען.

ראש השנה איז דער טאָג וואָס דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען, און כל שתה תחת רגליו. דער מענש וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַלע כוחות שבעולם, צו קענען באַהערשען די גאַנצע יצירה, יעדער באַוועגונג זיינע באַאיינ־פלוסט די גאַנצע בריאה; ער קען משנה זיין דעם באַשטאַנד, פון קלענסטע ווערעמעל ביז דאָס העכסטע אין הימעל. ער קען זיך אויפהויבען און דער־הויבען מיט אים די גאַנצע יצירה פאַרשטאַרקען אַלעמענס עקזיסטענץ אַזוי, אַז אויך דאָס קלענסטע ווערעמעל זאָל זיך פילען גליקלעך צו לעבען אין דעם דור וואָס דער מענש איז דאָרטען דאָ, דער בוים גיט אַנדערע פרוכטען און דער וואַסער פאַרפלייצט ניט, דער פייער פאַרברענט ניט, און די גאַנצע יצירה עד שמי שמים איז געזיכערט און געשטאַרקט.

תנו עוז לאלקים, באלקים נעשה חיל (נפש החיים), אין דעם דור פון רבי שמעון בן שטח איז די פרוכט אַנדערש און אין דעם דור פון רבי שמעון בן יוחאי קען קיין פאַרפלייצונג ניט זיין. אין אַזאַ דור זיינען די מלאכים אויך העכער, אויך זיי ווערען באַאיינפלוסט פון מענש׳ס גרויסקייט, ווען דער מענש פאַרלירט זיינע מדרגה׳ס חס ושלום איז ניט נאָר וואָס ער אַליין זינקט אין תהום, נאָר די גאַנצע יצירה זינקט מיט אים. „צור ילדך תשי״, אַלץ האָט דער מענש אָפּגעשוואַכט און איז אין אַ קלענערע מדרגה. דאָן איז שוין לייכט צו פאַרשטיין פאַרוואָס מלאכים שרעקען זיך פאַרן יום הדין. ווער ווייס, ווי ווייט דער מענש איז אַוועק מיט זיינע מעשים, און דאָס זיינען דאָך די מעשים פון מענשען וואָס מאַכען מלאכים קלענער

און זיי שרעקען זיך, אפשר וועט דער מענש בדינו אַרויסגיין חיב און דאַן וועט אַלץ מיט אים אַראָפּגיין.

דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען אין ראש השנה, גלייך דעם ערשטען טאָג געזינדיגט און גע׳משפט געוואָרען פון רבונו של עולם. און דער רבונו של עולם האָט געזאָגט צו אים: „כשם שדנתי אותך ויצאת בדימוס מלפני, כן יהיו בניך דנין ביום זה בדימוס (ברחמים (פסיקתא) דער מענש איז פאַרטריבען געוואָרען פון גן עדן צוליב זיינע זינד, אָבער זיין גרויסקייט איז ניט צוגענומען געוואָרען פון אים. ער האָט דעם צלם אלקים ניט פאַר־לוירען און דער חכמתו מרובה משלכם איז ביי אים געבליבען. ער קען די גאַנצע בריאה ברענגען צו שלימות, צו ימות המשיח, ימי שלימות, ימי השמים על הארץ. ער קען אָבער אויך פאַרלירען זיך און די גאַנצע יצירה דורך זיינע שלעכטע מעשים. האָט דער רבונו של עולם געזאָגט צו אדם הראשון: דיינע קינדער וועלען אייביג בלייבען, און ווען זיי וועלען דורכפאַלען וועלען זיי קענען תשובה טאָן און ווען איך וועל זיי משפט׳ן, וועלען זיי פון מיין משפט אַרויסגיין בדימוס, ווייל דער מענש וועט אייביג גרויס בלייבען און ער וועט אומקערען צו זיין גרויסקייט פון דער יצירה.

דאָס איז די באַדייטונג פון ראש השה. דער מענש דאַרף אין ראש השנה נתעלה ווערען און מעלה זיין מיט אים כל היצירה, ער דאַרף שטייגען מער און מער אין שכל, עס זאָל זיין ויגבה לבו בדרכי השם. דער רבונו של עולם וויל, אַז דער מענש זאָל געווינען ביים משפט און דער רבונו של עולם זאָגט, ווען איך האָב ניט אומגעבראַכט די אידען, האָב איך פון דעם פאַרדינט. דער כלל־ישראל איז אַריין אין ארץ ישראל און די וועלט איז געבליבען ווי דער רבונו של עולם האָט געזאָגט, אַז דער מענש זאָל ארויסגיין זכאי בדינו.

ראש השנה דאַרפען מיר מאַכען דעם חשבון, אַז כל היצירה כולה איז אָפּהענגיק פון אונז; דאָס איז אונזער כוח און גרויסקייט, לאָמיר עס אָנ־האַלטען און פאַרשטאַרקען, אַז אונזער שכל זאָל נתעלה ווערען. דערמיט וועלען מיר גיין מחיל אל חיל און אַרויסגיין זכאי בדין און צוקומען צו שלימות.

פון דעם טיפסטען אפגרונט צו דער העכסטער דערהויבונג

ראש־השנה־געדאַנקען וועגען זין פון תשובה

תשב אנוש עד דכא, ותאמר שובו בני אדם (תהלים)

א.

משה רבנו, דער ג־טליכער מענש, וואָס איז צוגעקומען צו דער העכסטער מדרגה אין נבואה און האָט געקראָגען אַ צוזאָג פון רבונו של עולם, אַז „אין אים וועט מען גלויבען פאַר אייביג" און אַז די תורה וועט גערופען ווערען אויף זיין נאָמען „זכרו תורת משה עבדי", האָט אין די העכסטע מינוטען פון זיין תפילה, וואו ער דערציילט די גרויסקייט פון ג־ט און די קליינקייט פון מענשען, געזאָגט: דאָס גרעסטע וואָס ג־ט האָט געגעבען דעם מענש איז, אַז אפילו ווען אַ מענש געפינט זיך אין דער גרעסטער נידעריגסטער צעבראָכענקייט פון „עד דכא", ער פילט אַז ער האָט באַשמוצט זיין צלם אלקים און אַז ער איז טיף געזונקען, און ער זעט נישט קיין אויס־וועג, — אויך דער דאָזיגער מענש הערט אַ רוף פון ג־ט, וואָס זאָגט צו אים: „שובו בני אדם!" נייך, מענש! פאַרליר נישט קיין האָפענונג, טו תשובה און פאַר דיר וועט אויפשיינען אַ נייע, ליכטיגע וועלט, אַ וועלט פון לויטער טהרה, שיינקייט, ליכט און אמונה אין רבונו של עולם.

דו, מענש, וועסט ווערען ווי אַ ניי־געבוירענער, ווייל אַ וואונדערבאַרער הייל־מיטעל איז דאָ פאַר דיר; געשאַפען ביי ג־ט איידער ער האָט געשאַפען זיין וועלט. תשובה איז דער נאָמען פון דעם וואונדערליכען הייל־מיטעל.

ווען אַלע וועגען, דוכט זיך דיר, זיינען שוין פאַרמאַכט און דו קענסט נישט צוקומען מער צום רבונו של עולם, זאָלסטו וויסען, אַז ס'איז פאַראַן אַ וועג וואָס איז שטענדיג אָפען. דאָס איז תשובה.

מנשה, דער קעניג פון יהודה, וועלכער האָט געזינדיגט און פאַרפלייצט ירושלים מיט עבודה זרה, אַזוי ווייט אַז די מלאכים האָבען פאַרשלאָסען אַלע וועגען, כדי זיין תשובה וואָס איז געקומען אין דער גרעסטער מיגוט פון פאַרפלייצונג זאָל נישט דורכגיין. זיי האָבען דאָס געטאָן געוויס על פי הדין, ווייל ער האָט שוין, נאָך זייער מיינונג, פאַרלוירען די רעכט אַז זיין תשובה זאָל אָנגענומען ווערען, — האָט דער רבונו של עולם אָפּגעגעבען אַ ספּעציעל פּלאַץ ביים כסא הכבוד, און זיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרען.

יונה הנביא אַנטלויפט פון ג־ט און ער ווערט אַריינגעוואָרפען אין די טיפעניש פון ים, אין שאול תחתית. וואָס קען אַ מענש דאָן דערוואַרטען? אַלעס, דוכט זיך, איז פאַר אים פאַרלוירען. אָבער ניין! יונה הנביא ווייסט, אַז קיינמאָל איז נישט פאַרשלאָסען דער טויער פון תשובה פאַר׳ן מענש. און פון דאָרטען טוט ער תפילה. פון די טיפסטע אָפּגרונטען האָט ג־ט דערהערט זיין תשובה און אים געראַטעוועט.

תשובה מאַכט דעם מענשען ריין און שטעלט אים אַוועק אויף איין פּלאַץ מיט די גרעסטע צדיקים. וואָרים תשובה, וואָס קומט פון מענשענ׳ס האַרץ, הויבט אויף דעם מענש און ברענגט אים צו ג־ט. דאָרטען זעט ער די הייליגקייט און שיינקייט פון אַ מענשענ׳ס געדאַנק, און ער פילט גרעסטען תענוג. „יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא״.

ב.

ווי אַזוי מאַכט דאָס תשובה אַזאַ ענדערונג אין מענשען? ווי אַזוי ווערט פון זינד אויס זינד איז אוממעגליך צו פאַרשטיין. די זאַך איז דאָך אָפּ־געטאָן געוואָרען, טאָ ווי קען דורך תשובה די עבירה אויסגעריסען ווערען און אויף איר פּלאַץ זאָל געשאַפען ווערען אַ מצוה? דער „תומר דבורה״ אין זיין פאַרטייטשען פון „מי א־ל כמוך״ דערקלערט דאָס אַ ביסעל, און מיר מוזען זאָגען, אַז דאָס איז נישט צו פאַרשטיין, נאָר דאָס איז די גוטסקייט פון בורא, וואָס האָט געשאַפען תשובה, כדי דער מענש זאָל קענען שטענדיג

אין יעדער מצב אויסקלייבען זיין אייגענעם וועג און זיין שטענדיג אַ בוחר. זייענדיג אין דעם נידעריגסטען גייסטיגען מצב קען ער זיך אויפהויבען און קומען נאָענט צו ג־ט. „גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד". ער קען זיך אויפהויבען ביז דאָס העכסטע און גרעסטע אין דעות און מדות און פילען די נאָענטקייט פון ג־ט צו אים.

ווי אַזוי טוט מען תשובה? זאָגט דער רבנו יונה אין „ספר היראה": אין דער מינוט ווי ער באַשליסט תשובה טאָן און אַז מער וועט ער נישט באַגיין קיין זינד, ווערט דער מענש ווי אַ ניי־געבוירענער. אַלעס פריערדיגע ווערט אָפּגעמעקט. אַ נייער לעבען פול מיט פרייד און שיינקייט ווערט געשאַפען פאַר אים.

אין „שערי תשובה" רעכענט דער רבנו יונה אויס צוואַנציג וועגען וואָס אַ בעל תשובה דאַרף דורך מאַכען. דאָס איז שוין נאָכדעם ווי מען ווערט אַ בעל תשובה, אָבער ווערען אַ בעל תשובה קען מען אין איין מינוט. דאָס איז די גרויסקייט פון מענשען, איין טראַכט פון מענשען. אַפילו ווען ער איז קראַנק און אין זיינע לעצטע מענוטען, קען אים תשובה צוברענגען צו דעם לעבען פון הייליגקייט. ער קען דאַן שוועבען אין די העכסטע וועלטען פון אצילות און שלימות.

טעג פון תשובה

גרויס איז דער מענש, ער איז באַשאַפען געוואָרען אין צלם אלקים, און פון דער מינוט פון זיין קומען אויף דער וועלט בלייבט ער שוין פאַר אייביג. עס ווערט פאַרלאַנגט פון דעם מענש ער זאָל זיך גלייכען צום באַשעפער און זיין ווי ער, ווייל ער פאַרמאָגט די כחות אין אים צו זיין ענלעך צום באַשעפער. דער מענש איז דער כח וואָס שטייט אויף דער ערד אָבער די קאָפּ און זיין גאַנצער איך זיינען אין הימעל, און ער רעגירט מיט דער וועלט, און די וועלט ווערט אַזוי ווי דער מענש מאַכט איר.

אין דער גרויסקייט פון מענש איז פאַראַן דער וואונדערלעכער כח פון בחירה, דאָס וואָס דער מענש באַשטימט אַליין זיין צוקונפט. ער קען זיך אויפהויבען צו דאָס העכסטע און הייליגסטע און שוועבען אין דער וועלט פון אצילות און קדושה, אָבער ער קען אויך דורכפאַלען און זיך אַראָפּלאָזען אין טיפסטען אָפּגרונט אָבער אויך פון דאָרטען קען ער צוריק זיך אומ־קערען אין הייליגקייט, ער קען תשובה טאָן, און עס איז וואונדערליך תשובה צו טאָן און אַליין זען ווי מען גייט אַרויס פון אָפּגרונט און מען גייט אַרויף אין הימעל. עס איז געשמאַק צו טאָן תשובה און זען ווי מען הויבט זיך אויף אין די העכערע וועלטען פון אייביגקייט. מען פילט ווי אַ נייער מענש (ספר היראה לרבנו יונה).

אָבער עס איז פאַראַן אַ צייט פון תשובה, אַ צייט וואָס רופט דעם מענשען און מאַכט אים לייכטער צו טאָן תשובה, און דאָס איז די צייט פון עשרת ימי תשובה, עפּעס רופען די טעג צום מענשען און בעטען זיך ביי אים, עס איז איצט אַ גרויסע צייט, אַ צייט ווען דו, מענש, ווערסט נאָך גרעסער ווי פריער, דו קענסט אין אָט דער צייט גרייכען צו אַזוינע פּלעצער, וואו אַ גאַנץ יאָר דאַרף מען זיך זייער אָנשטרענגען צו קומען דאָרטען, דו ביסט איצט נאָענט צו ג־ט און האָסט דעם כח פון אַ גאַנצען צבור (יבמות), און עס איז איצט אַזוי גרינג זיך אופצוהייבען פון דעם אָפּגרונט, זע דאָס ניט צו פאַרזאַמען.

די צען טעג זיינען די וואונדערלעכסטע צייט אין יאָר. זיי הויבען זיך אָן מיט ראש השנה, דעם טאָג וואָס דער מענש איז געשאַפען געוואָרען. ווי גרויס איז דער טאָג, ביז דעם טאָג בין איך ניט געווען, און דו האָסט מיר אַרויסגענומען פון גאָרנישט און מיך געשאַפען, און ווי גוט איז צו זיין באַשאַפען און פילען אַז דאָס האָסטו מיר געשאַפען. דו האָסט מיר געגעבען אַ נשמה וואָס איז אַן אייביגקייט און דו האָסט מיר געגעגבען שכל און פאַרשטאַנד צו פילען און פאַרשטיין די גאַנצע וועלט וואָס דו האָסט צוליב מיר געשאַפען. איך קען פאַרשטיין די טיפקייטען פון ים און די הויכקייטען פון הימעל, איך פאַרשטיי אַלץ וואָס איז אין עקזיסטענץ און דערצו איז מיין פאַרשטאַנד אַזוי גרויס אַז איך פאַרשטיי דיר, מיין באַשעפער, און איך שוועב אין די הויכע הימלען און דאָרטען זע איך דיין ליכטיגקייט וועלכע פילט אָן די גאַנצע וועלט, און מיר ווערט ליכטיג און איך ווער נאָענט צו דיר, קען נאָך זיין אַ גרעסערע פרייד ווי דאָס. דו האָסט מיר געשאַפען און אין דער וועלט האָסטו מיליאָנען מענשען געשאַפען און יעדער מענש איז גרויס, אָבער איך בין אַנדערש ווי יעדער פון זיי, איך בין מיין אינדי־ווידועל און די גאַנצע וועלט מיט אַלע מענשען זיינען געשאַפען געוואָרען כדי מיר צו באַדינען און אויך דו, ג־ט, באַזאָרגסט מיר און ביסט מיין באַזאָרגער יעדער מינוט פון מיין לעבן, און אפילו ווען איך זינדיג, גייסטו ניט אַוועק פון מיר נאָר אויך דאָרטען ביסטו מיט מיר און דיין ליבשאַפט באַגלייט מיר שטענדיג, און ווען איך בין פול מיט זינד, רעדסטו צו מיר און בעטסט מיך אומצוקערען זיך צו דיר.

דער גרויסער פילאָזאָף צענאָן, פלעגט זאָגען, אַז „אויב איין מאָל אין זיבעציג יאָר הויבט זיך דער מענש אויף פון זיין טעגלעכקייט און ער פילט, אַז ער ווערט דאַן פאַראייניגט מיט די אומענדליכקייט און אַז ער איז אַ חלק פון דער גאַנצער אייביגקייט, לוינט צוליב דערמיט געבוירען צו ווערען און דורכליידען דעם גאַנצען לעבען”. נאָר איך, אַלס איד, ווייס אַז מיין גאַנצען לעבען קען זיין אַ לעבען פון נאָענטקייט צו דיר און פילען זיך אַלס אַ חלק פון נצח נצחים, ווי פּאַסיג איז דער טאָג פון ראש השנה וואָס אין אים בין איך געשאַפען געוואָרען, פאַר תשובה.

דער קלימאַקס פון די צען טעג פון תשובה איז יום כפור, וואָס איז דער גרעסטער פון אַלע טעג פון יאָר. דער טאָג וואָס מאַכט פון אַן עבירה אויס עבירה, ווי קען פון אַ עבירה וואָס איז אָפּגעטאָן געוורען ווערען אויס זינד? דאָס קען דער מענשלעכער שכל ניט פאַרשטיין. דער רבנו ונה זאָגט „אַז די גרויסקייט פון עסען ערב יום כפור וואָס ווערט פאַררעכענט פאַר אַ גרויסע מצוה, ווי מען וואָלט געפאַסט צוויי טעג! קומט דערפון,ווייל ווען אַ מענש ווייסט אַז מאָרגען וועט ער זיין ווי אַ נייער מענש און אַלע זינד וועלען פאַרשווינדען, און זיין צוריק נאָענט צו ג־ט, פילט שוין דער מענש ערב יום כפור די גרויסקייט דערפון. דאָס עסען ערב יום כפור איז במילא אַ חלק פון דער גרויסער שמחה פון מחילת עוונות, און דעריבער אויב דער מענש פרייט זיך דערמיט ערב יום כפור און עסט און טרינקט, דאַן ווערט דאָס פאַררעכענט ווי שוין ערב יום כפור האָט ער געהאַט דעם יום כפור, און דעריבער רעכענט זיך דאָס ווי ער וואָלט געפאַסט דיביידע טעג" (שערי תשובה לרבנו יונה).

גייט אַרום אַ מענש פאַרלוירען און פאַרזונקען און ער פילט ווי אַלץ איז פינסטער אַרום אים, ער האָט אָפּגעטאָן אַלץ וואָס איז שלעכט און די וועלט גייט אונטער אים ווי קין, ווען ער האָט געטויט זיין ברודער, און פלוצלונג טוט ער תשובה, ער גיט אַ טראַכט אַז עס קען ניט זיין, אַז אַלץ איז פאַרלוירען, ער האָט אַ פרייען ווילען און קען תשובה טאָן און ער טוט תשובה און אַ נייע ליכטיגע וועלט עפענט זיך אויף פאַר אים. דאָס איז דער גרויסער טאָג פון יום כפור, דער טאָג פון פאַרגעבען, דער טאָג וואָס מאַכט פון זינד אויס זינד. דאָס איז די צען טעג פון גרויסקייט און תשובה. הייב זיך אויף, מענש, פון דיין טעגליכקייט און נוץ אויס די וואונדערלעכע טעג וואָס ברענגען דיר צוריק צו דיין מקור, דאַן וועסטו זען אַז אין דיר געפינט זיך דער טעגלעכער קראַפט וואָס פילט אָן דיין גאַנצן איך, און דאַן וועסטו לעבען אין אַ וועלט וואָס איז פול מיט פרייד און נאָענטקייט צום אייביגקייט, דיין לעבן וועט זיין פול מיט קדושה און אצילות.

דאָס זיינען די צען טעג פון תשובה.

יום כפור

„כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם" (ויקרא)

דער מענש איז געשאַפען געוואָרען בצלם אלקים: וויפיל גרויסקייט מיר וועלען געבען דעם מענשען וועלען מיר ניט קענען פאַרשטיין די גרויסקייט וואָס די תורה האָט אים געגעבען. אונטערען וואָרט אַז ער איז „בצלם אלקים": שטייט דער מענש אויף דער ערד און גרייכט שמי שמים. ער קוקט אַרום די גאַנצע וועלט פון אָנפאַנג ביז ענד און דערגרייכט עד כסא הכבוד, צו פאַרשטיין און פילען געטליכקייט.

האָט דער אויבערשטער ליב דעם מענשען. זעט ווי שיין און קלוג ער איז: „ראו ברי' שבראתי בעולמי כמה יפין מעשיו" (בראשית רבה). און ווען דער מענש זינדיגט און רייסט מיט זיינע מעשים אין די הויכע וועלטען, אַפילו דאַן האָט דער רבונו של עולם אים ליב. זאָגען די חז"ל, „אל תקרי ראשך אלא רשך". אָרימקייט אַפילו די אָרימסטע זיינען ליב ביי ג־ט ווי אליהו הנביא, „ודלת ראשך", די זייער אָרימע אין גייסט זיינען ליב „כארגמן", ווי מרדכי הצדיק וואָס יצא בלבוש ארגמן, און האָט מקדש השם געווען אויף דער וועלט. און אַפילו ווען אַ מענש איז זינדיג, אַז ער האָט פאַר־לאָרען כמעט זיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט און ביים לעבען ווערט ער אָנגערופען מת, אַ טויטער מענש (רשעים בחייהם קרואים מתים). אַפילו דאַן גייט נאָך אים נאָך דער רבונו של עולם און בעט זיך ביי אים „שובו בנים שובבים ארפא משובתכם". אַפילו דאַן זאָגט דער רבונו של עולם „כי לא אחפוץ במת המת כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה".

ליבט דער רבונו של עולם יעדען מענשען, אין יעדער צייט, אין יעדען מצב זיינעם און ער פאַרלאָזט אים ניט פאַר קיין רגע. קען אַ מענש תשובה טאָן אפילו ווען ער האָט פאַרשוואַרצט זיין נשמה קען ער איר מאַכען ליכטיג, און גרייכען צום רבונו של עולם. „שובה ישראל עד ה' אלקיך". די ליב־

שאַפט פון רבונו של עולם איז אַזוי גרויס אַז ער האָט באַשטימט אַ ספּעצי־עלען טאָג, יום כפור, צו מאַכען דעם מענשען ריין פון זינד. תשובה העלפט אַלע מאָל, יום כפור מיט תשובה איז זייער גרויס, אָבער יום כפור אַליין אָפילו ח״ו אָן תשובה) פאַרגיט אויך פאַר פאַרשידענע עבירות, אין אַנדערע פאַלען איז יום כפור אַליין גרעסער ווי תשובה אַליין (משך חכמה, ויקרא). האָט דער רבונו של עולם געגעבען דעם מענשען אַ טאָג וואָס ער איז מכפר אויף דעם מענשען, „כי ביום הזה יכפר עליכם״. דער רבונו של עולם ווישט אָפּ די זינד פון דעם מענשען, ער וואַשט זיי אויס (רחץ ה׳ את צואת בת ציון) תומר דבורה. ער אַליין, דער רבונו של עולם, נעמט די זינד פון מענשען און מאַכט דאָס אויס זינד. און מאַכט דעם מענשען ריין ווי איצט געבאָרען אָן עבירות.

„אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים... מקוה ישראל השם... מה מקוה מטהר הטמאים אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל״ (יומא). אַזוי ווי אַ מקוה מאַכט פון אומריין ריין, אַזוי יום כפור מאַכט דעם מענשען ריין. אין שלימות איז פאַראַן מדרגות. די גרעסטע מדרגה איז טהרה, נאָך דעם ווי אַ מענש קומט צו קדושה און איז זיך מתדבק עם הקדוש ברוך הוא, דאַן קען דער מענש טראַכטען וועגען צוקומען צו טהרה.

דאָס מאַכט יום כפור, טהרה מיינט אַז דער מענש איז פריי פון אַלעס אין דער וועלט. ער האָט מער ניט קיין אייגענע פניות — „נשמה שנתת בי טהורה היא״. אין אַלע מדרגות קען געמאָלט זיין אָן אייגענע פני׳, אָפילו ווען דער מענש קומט צו צו נבואה קען ער אין איין מדה דורכפאַלען (רמב״ם, שמונה פרקים) אָבער ווען מען איז טהור, איז מען גאַנץ אָן פניות, אָן שלעכטע געדאַנקען און דאָס אין יום כפור דער רבונו של עולם, ער איז מטהר דעם מענשען.

ווי גרויס איז יום כפור און ווי גוט איז דאָס צו האָבען אַזאַ טאָג, און ווי ליב איז דער מענש ביי הקדוש ברוך הוא וואָס האָט אים געגעבען אַזאַ טאָג. „ומאהבתך ה׳ אלקינו שאהבת אותנו נתת לנו יום זה. אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין, ומי מטהר אתכם.״

יום־כפור געדאנקען

דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען בתכלית השלימות, „נעשה אדם", אַלע כוחות פון דער וועלט האָבען אין איין האַרמאָניע ביישטייערט צו זיין שאַפונג (ר' חיים וואָלאָזשינער). איז דער מענש געשאַפען אין דער מדרגה פון שלם. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַלע כוחות פון שמי שמים ביז'ן קלענסטען ווערימעל, און די אַלע אייגענשאַפטען האָבען האַרמאָנירט אין אים. ער איז געווען אין גן עדן און דאָרטען הנאה געהאַט פון די שיינקייט פון דער יצירה און געפילט אַז ער איז שלם, אַ גאַנצקייט הערט אין אים אָן קיינע קאָנפליקטען און אָן שום רצונות. ער האָט ניט געהאַט קיין בענקענשאַפט נאָך עפּעס אַנדערש ווייל וואו שלימות איז דאָ קען ניט זיין קיין בענקענשאַפט. ער איז פריי געווען פון טרויער, פון אומעט, וואָרים וואו שלימות איז דאָ קען ניט זיין קיין טרויער און קיין אומעט — עס פעלט דאָך ניט קיין זאַך, איז שטענדיג „עוז וחדוה במקומו".

לעבט מען אין שלימות, אין אַ וועלט פון אַצילות, איז מען גליקלעך און צופרידען.

האָט דער מענש געזינדיגט מיט'ן עץ הדעת, איז אַריינגעמישט געוואָרען אַ טרויער אין זיין לעבען. שטרעבט ער שטענדיג צו נייע דערגרייכונגען; איז ער שטענדיג אומצופרידען. זיין לעבען איז פול מיט רצונות, אייביגע פאַרלאַנגען. קיין מענש האָט נאָך ניט דערגרייכט אפילו אַ העלפט פון זיינע פאַרלאַנגען. די נשמה שטרעבט צו אירע הויכע הימלען; דעם קערפּער ציט צו דער ערד — הערשט אין מענשען דער אייביגער קאָנפליקט. פון איין זייט די שטרעבונג צו שלימות, און פון דער צווייטער זייט — „והנפש לא תמלא" (קהלת).

דער מענש פאַרמאָגט אַ גרויסקייט, אַז ער האָט בכוח צו נעמען זיינע פאַרלאַנגען און זיי פאַרוואַנדלען אין שלימות, אַריבערנעמען די רצונות צום הימל, צו „למעלה מן השמש", וואו עס איז דאָ יתרון און גאַנצקייט;

ער קען דעם רצון פאַרוואַנדלען אין שלימות, ווי דער נזיר האָט געזאָגט צו שמעון הצדיק: „עבודה שאגלחך לשמים" (נדרים). דער מענש קען זיך אויפהויבען — „ויגבה לבו בדרכי השם"; ער קען צוקומען צו דער מדרגה אַז דער רבונו של עולם זאָל זיין שכינה ברענגען צו אים — „רצה הקב"ה לעשות לו דירה בתחתונים". דאָ אויף דער ערד ווערט „הימעל", און מען לעבט דאָ אין שמי שמים, אַ גן עדן אויף דער ערד.

עס לויפען טעג און יאָרען. דער מענש פאַלט און הויבט זיך. און דער רבונו של עולם האָט באַשטימט טעג, אין וועלכע דער מענש זאָל אַרויס־גענומען ווערען פון זיין טעגליכקייט און קליינגקייט און זאָל אויפגעהויבען ווערען צו שלימות. דאָס זיינען ראש השנה, עשרת ימי תשובה און יום כיפור. דעמאָלט ווערט דער מענש פון אַ יחיד אַ ציבור (יבמות). דעמאָלט איז ג־ט נאָענט צום מענשען, און רופט אים צום מקור, צו שלימות. זאָגט ראש השנה צום מענשען הויב זיך אויף צו חדות השם.

דער יום טוב פון פרייד

(סוכות מאַטיוון)

דער חודש תשרי, דער „ירח האיתנים" איז פול מיט גרויסקייט. פריער ראש השנה, דער טאָג וואָס מאַכט דעם מענטשן העכער און גרעסער און הייבט אים אויף צום רבונו של עולם. דאַן עשרת ימי תשובה, טעג וואָס מאַכן דעם מענטשן הייליקער, וואָס מאַכן פון זיינע זינד אויס זינד, — טעג פון רחמים און רצון ווען אַ יחיד קאָן צוקומען צו דער גרויסקייט פון אַ ציבור און פילן די נאָענטקייט פון השם יתברך. דאַן ערב יום כיפור, דער טאָג וואָס פאַרן עסן אין אים קריגט מען אַ צווייטען יום כיפור, ווייל דאָס עסן אין דעם טאָג, נאָך אויפהייבען זיך אין שכל און נאָך ריינקייט פון תשובה, איז פאַררעכנט ווי פאַסטן יום כיפור און דאַן קומט דער קלימאַקס, דער יום הכיפורים, דער טאָג פון סלחתי. משה רבנו, דער בחיר הנביאים, האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי פון אַ עבירה ווערט אויס עבירה און דאָ קומט דער טאָג יום כיפור און מאַכט דעם מענטש ריין ווי אַ קטן שנולד. אָט אַזוי וואונדערפול זענען די טעג פול מיט קדושה און אצילות.

דאַן קומט פיר טעג וואָס מען גיט דעם מענטשן פריי פון עבירות, מען פאַרנעמט אים מיט מצוות זיך צו גרייטן מיט אַ סוכה, אתרוג און לולב. פאַסטן איין מאָל אין יאָר איז ניט שווער אָבער דער רבונו של עולם האָט ליב דעם מענטשן, און ער וויל דעם מענטשן באַלוינען פאַרן פאַסטן (הסבא מסלובודקה) גיט ער אים נאָך יום כיפור דעם גרויסן יום טוב פון סוכות, אַכט טעג פון שמחה. ער ברענגט דעם מענטשן אַריין בחצרות של הקדוש ברוך הוא (הסבא מקעלם) און דאָרטן אין חצר השם דאַרף ער זיך פרייען.

„זה היום עשה השם נגילה ונשמחה בו", זאָגן די חז"ל אַז דער נגילה ונשמחה בו גייט נישט אויף זיך פרייען מיטן טאָג, נאָר דער בו גייט אויף הקדוש ברוך הוא, זיך צו פרייען מיטן רבונו של עולם. קען דען זיין גרעסערס ווי די שמחה זיך מתדבק זיין בהקדוש ברוך הוא און זיך פרייען

אין דער שמחה, וואָס איז אַן אייביקע, פול מיט שלמות הנפש, אַ שמחה בלי גבול ומצרים „ושמחת בחגך".

„איר זאָלט זיצן אין סוכות ווייל אין סוכות האָב געמאַכט זיצן די קינדער פון ישראל ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים". די שמחה דאַרף זיין אַזוי גרויס, אַז עס זאָל דעם אידען אויפהייבן צו דער גרויסקייט פון יציאת מצרים, ווען אַ פאָלק איז געגאַנגען אין מדבר, און דער מדבר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גן־עדן. און דער פאָלק ישראל, אַ דור דעה, זענען זיי אַרומ־גערינגלט געוואָרן מיט דעם כבוד השם. די ענני כבוד האָבן די אידן אָפּגעטיילט פון דער וועלט און זיי אויפגעהויבן אין הימל. געמאַכט פון זיי דעם „עם השם" וואָס זיין עקזיסטענץ דערציילט גרויסקייט פון רבונו של עולם. „עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו", גייט דער דור המדבר צו ארץ ישראל, און דער וועג איז אין ענני הכבוד, דער כבוד השם איז אַרום זיי און רינגלט זיי אַרום, קומען פאַר מיט זיי די גרעסטע ניסים, ווערט זייער שפּייז מלאכים שפּייז „לחם אבירים אכל איש", קומען זיי צו שלימות און התדבקות בהקדוש ברוך הוא, ווערן זיי ווי אדם הראשון קודם החטא, ווי גרויס און גוט איז צו זיין אַרומגערינגלט מיט כבוד השם.

קומט נאָך יום כיפור נעמט דער רבונו של עולם און רינגלט אַרום דעם אידן מיט דער סוכה, מיט די ענני הכבוד, און אַזוי ווערט יעדער איד נאָך יום כיפור ווי דער דור המדבר אַ דור דעה. זיצט דער איד אין סוכה און איז זיך משמח שמחה של מצווה, שמחת החג און איז זיך מתדבק מיט קודשא בריך הוא, און עס רינגלט אים אַרום דער כבוד השם און ער זיצט אין סוכה און טראַכט וועגן דער צייט פון שלימות, פון משיח, פון „סוכת עורו של לויתן", ווען די גאַנצע וועלט וועט זיין אַרומגערינגלט מיט כבוד השם, קען נאָך זיין אַ גרעסערע שמחה ווי שמחת החג אין סוכה.

ווערט די שמחה גרויס, הויבט די שמחה אויף דעם מענטשן, ווייל וואו אמתע שמחה איז דאָ, איז קדושה פאַראַן, וואו עס איז דאָ שמחת החג, ווערט דער טאָג אַ יום שכולו טוב ועונג. „עוז וחדוה במקומו", דאָס איז דער סוד פון שמחת החג אין סוכות.

באטראכטונגען וועגן חנוכה

מענשען האָבען דורכגעמאַכט פאַרשידענע ציווילזאַציעס, ווי די גריכישע, רוימישע. ס׳איז פאַראַן אַ מיינונג וואָס זאָגט אַז ציוויליזאַציע, ווי יעדער זאַך אין דער וועלט, האָט איר אָנפאַנג. דאַן הויבט זי אָן צו וואַקסען און זיך צו אַנטוויקלען ביז זי קומט צום העכסטען שטאַפעל; דאַן הויבט זי אָן צו גיין ארונטער ביז זי פאַרשווינדט. דאָס הייסט, אַז ציוויליזאַציעס מאַכען דורך דעם פּראָצעס ווי יעדער זאַך אין דער וועלט. אַ צווייטע מיינונג, אַז ציוויליזאַציעס קענען נישט פאַרשווינדען פון דער וועלט; זיי בייטען נאָר זייער פאָרם, אָבער זיי בלייבען אייביג. אַלס ביישפּיל ברענגען זיי, אַז אונזער מאָדערנע ציוויליזאַציע איז געבויט אויף די יסודות פון די אַלטע ציוויליזאַציעס.

ווי עס זאָל נישט זיין, זיינען די אַלטע ציוויליזאַציעס מיט זייערע קול־טורען מער נישטאָ, און די נייע ציוויליזאַציעס, ווי די מאָדערנע אייראָפּישע, זיינען אין געפאַר צו פאַרשווינדען; אָבער איין זאַך איז אייביג און איז היינט אַזוי ניי פונקט ווי ווען זי איז געגעבען געוואָרען, — דאָס איז תורה. לאָמיר אַנאַליזירען דעם אונטערשייד צווישען תורה און קולטור.

קולטור איז אַ שאַפונג פון מענשען פון אַ באַשטימטער צייט; די פאַרשיידענע אַנטוויקלונגען וואָס די מענשען האָבען דורכגעמאַכט, זייערע נויטען און באַדערפענישען, האָבען געבראַכט צו די נויטיגע קולטורעלע פאָרמען וואָס זיינען ביי זיי אָנגענומען געוואָרען. די ליטעראַטור, וואָס איז דורך זיי געשאַפען געוואָרען, האָט די געדאַנקען זייערע באַפעסטיגט און דאָס איבערגעגעבען צום צווייטען דור, וואָס האָט אויך עפּעס בייגעשטייערט דערצו. זייער דענקען, זייערע פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען זיינען אויסגע־ברייטערט געוואָרען. מיט דער צייט האָבען פילאָזאָפען אויפגעבויט אַ פילאָזאָפיע וועגען דער קולטור. און אַזוי האָט זיך די קולטור אַנטוויקעלט און געוואָרען אַ ציוויליזאַציע. נייע אַנטוויקלונגען האָבען זיך געשאַפען

און די ציוויליזאַציע איז מער נישט געווען אַזוי באַקוועם פאַר׳ן טעגליכען לעבען ווי פריער. מענשען האָבען דערזען אַ ניי ליכט; אַ נייער געדאַנק איז געקומען צום מענשען, צי דאָס האָבען געבראַכט מלחמות אָדער אַ באַרירונג מיט אַ צווייטער פרעמדער קולטור, אָבער אַן איבערברוך איז געקומען אין דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע. זי האָט מער נישט געקענט זיך אויפהויבען און האָט געמוזט זיך אַראָפּלאָזען, ביז וואַנען זי איז אָדער פאַרשוואונדען אָדער געביטען איר פאָרם, פאַר דער נייער קולטור און פאַר דער נייער ציוויליזאַציע.

יעדער שאַפונג פון מענשען, ווי גרויס זי זאָל נישט זיין, איז נישט קיין אייביגע. דער מענש זוכט שטענדיג צו פאַרבעסערן דעם אייגענעם איך, דעם עגאָאיזם פון מענשען און דער מענשליכער עגאָאיזם איז נישט קיין אייביגער; קען דעריבער זיין קולטור נישט זיין קיין אייביגע. זי איז שטענדיג פול מיט פניות, און קיין זאַך וואָס האָט פניות האָט נישט דער־לעבט קיין אייביגקייטען. דעריבער פאַרשווינדען קולטורען.

אַנדערש איז תורה. דאָס איז די שאַפונג פון רבונו של עולם, ריין און קלאָר ווי דער בורא, אָן קיין פניות.

אין תורה האָט זיך אַנטפּלעקט דער רבונו של עולם צום מענשען. דער שכל אלקי לערנט דעם מענש דעם ריכטיגען וועג; איז דאָס אייביגקייט. פונקט ווי דער בורא איז אייביג איז זיין תורה אייביג. און וואָס אייביג איז שטענדיג ניי, עס איז אַ חלק פון דער אומענדליכקייט פון דעם בלי סוף. אין אייביגקייט איז נישטאָ קיין פריער און שפּעטער, קיין אַלטע און נייע; אַלעס איז אַ חלק פון דער אייביגקייט. דעריבער איז תורה אַן אייביגע זאַך און אייביג ניי.

חנוכה איז דער יום־טוב ווען תורה האָט באַזיגט די גרעסטע וועלט־קולטור.

חנוכה ווייזט,אַז דער מקבל התורה איז אַזוי אייביג ווי די תורה. קיין אומה ולשון קען אים נישט פאַרניכטען.

חנוכה לערנט די אייביגקייט פון כלל ישראל. חנוכה איז דער יום־טוב פון גייסטיגער פרייד, ווי גוט איז צו זיין אַ איד, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך

אייביגקייט, ג־טליכקייט און אַלע גוטע מידות. דאָס איז דער יום־טוב פון הלל והודאה. ווי דאַנקבאַר בין איך דיר, רבונו של עולם, וואָס איך בין אַ איד. אין די שווערסטע צייטען פון כלל ישראל, אין דעם פינסטערסטען גלות יון, האָסטו מיר געהאָלפען. איך בין געווען דער מיעוט, אָבער דו האָסט מיר געהאָלפען מנצח זיין דעם רבים. ווייל מיט דיר און דיין תורה בין איך אייביגקייט און אין אייביגקייט איז נישטאָ קיין מורא.

תורה און חכמה

געדאַנקען צום היינטיגען חנוכה

חנוכה איז דער יום טוב פון באַפרייאונג פון גלות יון, פון גלות וואָס מען האָט געבראַכט קיין ארץ־ישראל.

אין אַלע גלות׳ן זיינען די אידען פאַרטריבען געוואָרען צווישען די גוים, אָבער דעם גלות האָט מען געבראַכט קיין ארץ־ישראל און געוואָלט מאַכען פון ארץ־ישראל אויס ארץ־ישראל: אַ גלות פון דער נשמה.

דער גלות יון ווערט באַצייכענט אונטער׳ן נאָמען חשכה גדולה, גרויסע פינסטערניש. דער גלות איז געווען געגען תורת משה, געגען עם השם, געגען נשמת ישראל. פילע אידען האָבען מיטגעהאָלפען אין דעם גלות און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם גלות. אַ גלות אין הייליגען לאַנד. וועלכע מען האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין ארץ העמים, אין אַ לאַנד ווי אַלע לענדער.

דער נס פון חנוכה איז דער נס פון תורת ישראל איבער חכמת העמים. איבער קולטור פון פעלקער דער נס פון די אייביגקייט פון נשמת ישראל און תורת ישראל.

חנוכה איז דער יום־טוב ווען תורת משה האָט באַזיגט די גרויסע גריכישע קולטור. און ווען די גריכישע קולטור איז נאָר פאַרבליבען צו יחידים, איז תורת משה אַ תורת חיים, אַ תורה וואָס עקזיסטירט אייביג. און עס וועט נאָך קומען דער גרויסער טאָג ווען תורת ישראל וועט ווערען תורת העולם, און שלימות וועט דאַן זיין אויף דער וועלט, ווייל תורת משה איז שלימות.

גריכישע קולטור

חכמת יונית האָט באַהערשט די וועלט. כמעט די גאַנצע וועלט אין יענער צייט האָט אָנגענומען די גריכישע פילאָזאָפיע פאַר זייער לערע. די גרויסע חכמי יון, פון פיטאַגאָראַס ביז עפיקורוס, האָבען געלערנט דעם מענשען ווי צו לעבען אויף דער וועלט און ווי צו פאַרשענערן זיין לעבען. גרויס איז

געווען זייער לערע און איינפלוס אויף דער וועלט. פאַר הונדערטער יאָרען האָבען זיי באַהערשט דעם געדאַנק פון דער וועלט. מיט׳ן איינבעמען לענדער האָבען זיי דאָרט געבראַכט זייער קולטור און לערע. און די וועלט האָט דאָס אָנגענומען און געטראַכט ווי זיי הייסען טראַכטען און געלעבט ווי זיי הייסען לעבען.

דר. נתן בירנבוים ע״ה האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע צי אַטעאיזם (אפיקורסות) און פּאָליטעאיזם (גלויבען אין פילע געטער) איז איין און די זעלבע זאַך, אָדער דאָס זיינען צוויי פאַרשיידענע זאַכען? ווייל דער געצענדינער גלויבט דאָך אין עפּעס, אין דער צייט ווען דער אפיקורס גלויבט אין גאָרנישט. איז זיין מיינונג געווען, אַז דאָס קומט פון איין מקור. דאָס איז איין זאַך. און ער האָט דאָס באַגרינדעט אַזוי: דער אפיקורס שטעלט זיך אויס די וועלט־שאַפונג לויט זיין האַרץ און לויט זיין ווילען, — דאָס זעלבע דער געצענדינער. ער שטעלט אויס זיינע געטער לויט זיין ווילען און לויט זיין האַרץ. ער מאַכט פון זיין גאָט דאָס וואָס ער וויל ער זאָל זיין און דאָס וואָס ער וויל טאָן לייגט ער אַריין אין זיין גאָט.

די גריכישע קולטור לייגט אַלעס אַריין אין איר פאַרשטאַנד. אפילו זייער גלויבען איז לויט זייער פאַרשטאַנד. ווי גרויס און מעכטיג זייער קולטור איז געווען, איז זי אָבער אַ קולטור, געשאַפען דורך מענשען. אַזאַ קולטור, מעג זי ווערען באַוואונדערט, ווייל דאָ אַנטפּלעקט זיך דער שכל פון מענשען, קען זי נישט זיין אין עקזיסטענץ פאַר אייביג. ווי גרויס דער שכל פון מענשען איז, קען ער נישט גרייכען מיט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד צום וועג פון שלימות, גאַנצקייט פון לעבען. דעריבער ווען די קולטור פון די גריכען האָט זיך באַוויזען אין ארץ־ישראל, וואוהין זי איז געקומען דורך סיריע, און געוואָלט פאַרניכטען תורת משה, און אַנשטאַט דערמיט איינפירען חכמת יון, האָבען זיי פאַרלוירען.

דער חלוק צווישען תורה און חכמה

דער אונטערשייד צווישען חכמה און תורה: חכמה דאַרף מען פאָלגען, וואָרים זי לערנט קלוגע און גוטע זאַכען, אָבער מען דאַרף נישט ווערען

אַליין חכמה כדי דאָס צו טאָן. עס איז גענוג, אַז מען פאַרשטייט די חכמה. אַגדערש איז תורה. מען מוז אַליין ווערען תורה, כדי צו לעבען על פי התורה. קענען גוים קיין תורה נישט שאַפען, ווייל זיי קענען אַליין נישט ווערען קיין תורה. קען זייער חכמה נישט זיין קיין אייביגקייט. קען רבי יהושע באַווייזען דעם רוימשען קעניג אַז ער וועט באַזיגען חכמת יון „די חכמי אתונא", וועמען דער קעניג באַוואונדערט אַזוי שטאַרק (בכורות).

חנוכה לערנט אונז, אַז די העכסטע געדאַנקען פון מענשען קענען אים פאַרפירען אויב ער לערנט נישט די תורה פון ג־ט און ווערט נישט קיין תורה.

גריכישע קולטור, וועלכע פאַרגעטערט שיינקייט און שטאַרקקייט, וועלכע וויל דעם מענשען מאַכען שטאַרק, קלוג און שיין; וויל מיט אַלע בייזע מיטלען פון דער וועלט אָפּווישען תורת ישראל. וואָרים תורת ישראל איז די אָפּלייקענונג פון איר. תורת ישראל פאַרלאַנגט פון מקבל התורה צו ווערען תורה און לעבען לויט ווי ג־ט וויל אים צו לעבען.

דאָ, אויף אדמת ישראל, פאַרלירט די גרעסטע קולטור איר שטאַרקקייט און עס הויבט זיך אָן איר אונטערגאַנג. תורת ישראל ווערט שטאַרק און מאַכט דעם כלל ישראל פאַר אַן אייביג פאָלק, וואָס קען שפעטער ביישטיין דעם גרויסען גלות רוים און אדום פאַר צוויי טויזענט יאָר.

דער רמב"ן זאָגט, אַז ווען עס קומט צו אַזאַ מצב אַז עס דוכט זיך אַז אַלעס גייט אונטער, ווערט דאַן באַוויזען אַ נס גלוי ווי דער נס פון חנוכה. און דער כלל ישראל ווערט גערעטעוועט.

און חנוכה איז דער נס גלוי געקומען, ווייל וואו מסירת נפש פאַר תורה איז דאָ דאָרט געפינט זיך די שכינה.

באַפרייאונג פון גייסטיגען גלות

חנוכה האָט אונז באַפרייט פון ביטערסטען גלות: פון פרעמדע קולטורען, פון ווערען פאַרשקלאַפט צו זייערע לערעס. חנוכה לערנט אונז נישט זיך צו שרעקען פאַר די גוים, מעגען זיי זיין רבים און מיר מעטים; מעגען זיי זיין שטאַרק און מיר שוואַך. נישט מער מורא צו האָבען פאַר'ן שטאַרקען און זיין קולטור. אונזער גייסט איז אייביגקייט

און אונזער תורה איז אייביגקייט. און מיר וועלען זיין כימי השמים על הארץ.

האט אמאל א בחור אין ישיבת סלאבאדקע געפרעגט דעם „אלטען" זצ"ל, צי ער זאל זיך דורכפארען פאר חנוכה אהיים צו זען די עלטערן.

דער „אלטער" האט אים געענטפערט: פארוואס האסטו מיר נישט געפרעגט פאר ראש השנה זיך דורכצופארען אהיים פאר ראש השנה?

האט דער בחור געזאגט:

פאר ראש השנה איז דאך ימים נוראים. ווי קען מען גאר טראכטען צו פארען אהיים אויף ימים נוראים?

האט דער „אלטער" אים געזאגט:

אויב אזוי דארפסטו נישט פרעגען וועגען פארען אהיים אויף חנוכה. חנוכה איז ווי ימים נוראים. זיי זיינען דאך ימים פון להודות ולהלל.

און ער האט אים דערקלערט:

פורים האט מען געוואלט פארניכטען דעם קערפער פון כלל ישראל. פארשטייט זיך, אז אויב עס וואלט נישט געווען קיין קערפער וואלט קיין נשמה נישט געווען. קיין תורת ישראל וואלט מער נישט עקזיסטירט. אבער די גזירה איז געווען געגען גוף. איז געוונג די שמחה פון איין טאג; חנוכה אבער איז נישט געווען קיין מלחמה געגען אידישען קערפער, נאר געגען דער נשמה פון כלל ישראל, להעבירם על הדת. דעריבער איז נישט גענוג איין טאג נאר מען מוז האבען אכט טעג פון הלל והודאה. דאס לערנט אונז, אז א דירעקטער בטול תורה איז אכט מאל גרעסער ווי א ביטול תורה וואס איז נישט דירעקט; און דו פרעגסט מיך וועגען פארען אויף חנוכה אהיים און מאכען א דירעקטען בטול תורה. דאס איז דער היפוך פון חנוכה.

חנוכה איז דער יום־טוב ווען די גרעסטע און קליגסטע קולטור האט געוואלט פארניכטען תורת משה און זי איז צעפאלען געווארען; ווייל מעג דאס זיין די גרעסטע קולטור, אבער ווען זי איז נישט דער דבר השם, מוז זי פארשווינדען. און נאר דער דבר השם יקום לעולם.

דעריבער איז זיכער, אז דער זיג פון די חשמונאים איז גאר געווען דער הויפט־מאטיוו פאר'ן באשטימען דעם יום־טוב חנוכה. אבער דער טראפ איז געלייגט געווארען אויפ'ן נס פון „קריגעל אויל", ווייל דער נס איז

גאָר געקומען צו פאַרשטאַרקען און באַווייזען, אַז דער חשמונאים־זיג איז אַ ג־טליכער. ווען אידען האָבען געזען, לויט דער גמרא, אַז די מנורה („נר מערבי״) ברענט ווידער אין בית המקדש, איז עס געווען אַ באַווייז פאַר זיי, אַז די שכינה רוט צוריק צווישען אידען און דאָס האָט געשטאַרקט זייער מוט און זייער גלויבען אין דעם חשמונאי׳שען נצחון.

שבת שירה

דער שבת פון געזאַנג

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע געזאַנגען יעדער געזאַנג דריקט אויס די געפילען פון מענש אין דער צייט ווען ער האָט דאָס געזונגען. תומס קרלייל זאָגט אַז געזאַנג איז דער אויסדריק פון מענשן ווען ער וויל אויסשרייען ווי שיין איז די וועלט און ווי וואונדערבאַר זיינען אַלעס וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס איז אַ דאַנקבאַרקייט צום באַשעפער וואָס האָט דאָס אַלעס באַשאַפן און אויך מיר האָט ער געגעבען דעם געפיל צו פילן די שיינקייט פון זיין שאפונג. מאַסאַמאַ גאַנדי זאָגט אַז אַנשטאָט צו לערנען קינדער אלף בית וואָס יעדער אלף בית איז פאַרשידען לויט די פעלקער האָט מען יעדען קינד געדאַרפט לערנען מיוזיק און געזאַנג וואָס דאָס וואָלט פאַראייניגט אַלע קינדער צו פילן דאָס זעלבע. געזאַנגען זיינען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן ביי פאַרשידענע איבערלעבונגען. דער ערשטער געזאַנג איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט ווען קין דער ערשטער ברודער מערדער האָט געטראָפן זיין פאָטער אדם. ווען קין האָט געטויט זיין ברודער זיינען אַלע אויפגעציטערט געוואָרן אַלעס האָט אויסגעשריען צו אים מערדער, קין אַליין האָט געפילט ווי די ערד טרייסלט זיך אונטער אים, אָט איז אַלעס פאַרלאָרן ווי קען די זון לייכטן פאַר דעם מערדער ווי קען די ערד אים שפייזן ווי קען ער אָנרירן ג־טס באַשעפענישן אַלעס איז אונטערגעגאַנגען פאַרן מערדער פון זיין ברודער. פלוצלונג קריגט קין מוט און קוראַזש און ער זאָגט צו ג־ט דו ג־ט האָסט מיר באַשאַפן דו שפייזט מיר פון דער מינוט פון מיין געבורט ביז יעצט, אויב דו קענסט אַלעס טראָגן טאָ פאַרוואָס ווילסטו ניט טראָגן מיינע זינד און אָננעמען מיין חרטה. קין האָט תשובה געטאָן האָט חרטה געהאַט און באַשלאָסן צו אָנהייבן אַ נייעם לעבן. ווי זינדיקט אַ מענש זאָל זיין און ווי נידעריק געפאַלן קען זיך אויפהייבן צו ג־ט, קיין זאַך איז ניט פאַרפאַלן. אַ מענש קען אַראָפּנידערן אין די

טיפסטע אָפּגרונטן און פון דאָרטן זיך אויפהייבן צו די הימלען ווי וואונדער־פול דאָס איז. און געטראָפען אַז קין און אדם האָבן זיך געטראָפען. עס איז געווען פרייטאָג פאַרן נאַכט אין די מינוטן ווען די היילגקייט פון שבת איז געווען אין דער לופט. און אַ סינטעז פון הייליגקייט מיט גרויסקייט פון מענש האָבן זיך באַהעפט. דער מענש איז אַרויס פון טיפן אָפּגרונט און איז אַרייַן אין דער וועלט פון שיינקייט און אצילות אין דער וועלט פון רוהיג־קייט און גאַנצקייט ווי וואונדערפול איז דער געפיל דאַן. זיך אויפצוהייבן אין די הויכע הימלען און שוועבן דאָרטן מיט רוהיגקייט אָן זינד. ווי גרויס איז דאָס און דער מענש האָט אויפגעהייבן זיינע אויגן צום הימעל און דער ערשטער געזאַנג איז געשאַפן געוואָרן. אויסגערופן האָט אדם הראשון מזמור שיר ליום השבת, ווי גוט איז צו דאַנקען דיר ג־ט פאַר אויפהייבן מיר פון זינד און צו געבן מיר די רוהיגקייט פון שבת ווי גוט איז צו זינגען צו דיר. (ערשטער געזאַנג).

צייטן זיינען אַריבער און אַ פאָלק איז פאַרשקלאַפט אין מצרים. דער לעבן פון אַ שקלאַף איז ביטער און נאָך אַ שקלאַף אין מצרים. וואַרפט מען זייערע קינדער אין דעם טייך, באָדט מען זיך אין זייער בלוט און עס דוכט זיך אַז אַלעס איז פאַרפאַלן פאַרן קנעכט. מען נעמט צו זיין זעלבסטווירדע מען פאַרניכטעט זיינע גייסטיגע כחות. טויט איז שוין פיל בעסער ווי צו זיין אַ קנעכט. אין די שווערע מינוטן פון קנעכטשאַפט דערוועקן זיך חלומות אַז ניט פאַר אייביק בלייבט אַ קנעכט פאַרקנעכטעט. עס וועלן קומען בעסערע צייטן און פלוצלונג פאַרביינקען זיך די קנעכט נאָך פרייהייט זיי וויינען און בעטן צו ווערן געהאָלפן. ווען דער איז שטיל נאָך פאַראַן אַ פונקט אַז בעסערע צייטן וועלן קומען איז די קנעכטשאַפט ניט אַזוי שווער. נאָר די מצרים ווילן דאָס אויך פאַרניכטן דער קנעכט זאָל פאַרגעסן אַז עס איז פאַראַן אַן אַנדער וועלט פייניגט מען אים און מען לאָזט אים ניט צו רוה קיין מינוט צו טראַכטן. פלוצלונג באַווייזט זיך דער ערלייזער פון פאָלק. דער מענש וואָס ווען ער שטייט אויפן באַרג סיני איז דער באַרג אַ קלייניג־קייט קעגן דעם גרויסן מענשן דער מענש פון הימעל דער מענש פון ג־ט און מיט ג־טס הילף באַפרייט ער די קנעכט פון זייערע פייניגער אַ דור

פון פרייע מענשן מארשן נאך אים אין דער מדבר. שפאלט זיך דער ים פאר זיי פאר די מענשן וואס טראגן פרייהייט פון ג־ט מיט זיך איז דער ים קיין שטערונג, שפרינגט מען אין ים צוליב זייער פרייהייט. ווי גוט איז צו זיין פריי און פילן איך און ג־ט מער איז קיינער ניט קיין בעל הבית אויף מיר איך פיל מיין אייגנעם איך די שיינקייט פון לעבן איך פיל מיין נשמה מיין ווירדע. און מיליאנען מענשן גייען נאך משה רבנו בעזאנגען מיט פרייהייט און פילענדיק די הייליגקייט פון באפרייער. און פון אלעמענס הערצער רייסט זיך ארויס דער געזאנג פון פרייהייט און צוזאמען מיט משה רבנו, ווערט דאן געשאפן דער געזאנג פון אז ישיר, דער געזאנג פון אייביגקע פרייהייט וואס קען קיינמאל ניט צוגענומען ווערן ווי וואונדער־פול איז צו זיין פריי. דער צווייטער געזאנג ווערט דאן געשאפן דער אז ישיר משה.

צייטן זיינען אוועק דער פאלק איז געקומען אין זיין אייגענער לאנד אין דער לאנד פון די אבות אין דער לאנד פון ג־ט ווי גוט איז צו האבן אן אייגענע לאנד, און יעדער בעארבעט זיין שטיקל ערד און די מזל ברכה פון ג־ט איז דא און די לאנד בליט שיינע טייכן טיפע וועלדער און דער בלויער ארץ ישראל הימעל. ווערט א פאלק פון קנעכט א פאלק מיט א לאנד ווערט די לאנד טייער און ליב ביי זיי. שפרייטן זיך די גרענעצן אויס פון דן ביז באר שבע. ווערט די לאנד פון נביאים און גרויסע מענשן ווערט אין דעם לאנד געשאפן און פארטייטשט די לעהרע פאר דער וועלט, לעבן מענשן גליקלאך און ליבן זיך און שרייען אויס דאס איז מיין לאנד. זיינען אבער פאראן שונאים ארום דער לאנד ווילן זיי פארניכטן דעם פאלק פון ג־ט דעם פאלק פון פרייהייט דעם פאלק פון ליכט. האלטן זיי מלחמות און זיי געלינגט צייטענווייז צו אונטערדריקן דעם פאלק פון דער לאנד ווי שרעקלאך איז צו זיין אויף אייגענע לאנד און צו זיין אונטערדריקט און רעגירט דורך פרעמדע. שטייען אויף גרויסע פירער גרויסע לידערס און זיי מוזן מלחמה האלטן פאר דער פרייהייט פון זייער לאנד. שטייט אויף א פרוי א נביאה דבורה און זי פירט מלחמות צו באפרייען איר לאנד קוקט זי ניט וואס זי האט ניט קיין ארמיי און מוז פירן מלחמה מיט שטארקע און

מלחמה געלערנטע מענשן זי ווייס אַז ווען די פרייהייט פון איר לאַנד איז באַדראָט טאָר מען זיך ניט שרעקן און זי הייבט אָן אַ מלחמה צו באַפרייען איר לאַנד. שטאַרק איז די מלחמה אָבער זי געווינט איר ווילע מיט איר איז גערעכטיגקייט און זי איז די וועלכע איז מנצח דעם שטאַרקן פיינט און זי באוואונדערט דאָס ווי האָט זי דאָס געקענט טאָן. נאָר דער איז אַ גרעסערער און שטאַרקערער כח דען מאַכט דאָס איז דער כח פון גלויבן אין גערעכטיגקייט און אַ געזאַנג קומט אַרויס פון איר דער געזאַנג פון גערעכ־טיגקייט דאָס איז דער דריטער געזאַנג.

צייטן לויפן און בייטן זיך מענשן האָבן פיינט איינער דעם אַנדערן, געזאַנגען ווערן געשאַפן. נאָך זעקס געזאַנגען זיינען געשאַפן געוואָרן דורך גרויסע מענשן, אָבער אויך קליינע פאַרדאָרבענע מענשן האָבן אויסגענוצט דעם געזאַנג צו אָפנאַרן מענשן. ווערן טויזנטער מענשן פאַרגאַזט אונטערן קלאַנג פון מיוזיק ווערט מען נאָך אַ גאַנצן טאָג מוירדערן און טויטן אומ־שולדיקע קינדער מיט אַלע מיתות אַכזריות. מענשן פון מיוזיק און געזאַנג קען מען איבער זעגן מענשן אין דער העלפט און דערנאָך גיין צו אַ קאָנצערט פון שוּבערט און בעטהאָווען. ווערט די מיוזיק און געזאַנג אויסגענוצט פון רשעים אין זייער דינסט. קען מער די געזאַנג ניט באַרוהיקן דעם מענשן און אים באַפרייען פון פיין און יסורים. ווערט מיוזיק און געזאַנג אַ טייל פון הענקערס אַרבעט. קען אַזאַ מענשהייט ניט עקזיסטירן. עס בייגקט זיך נאָך דער צייט פון משחיות נאָך דער צייט ווען אַלע מענשן וועלן זיין באַפרייט און אַלע מענשן וועלן זיך אויפהייבן פון זייערע קייטן און אַוועקוואַרפן די שלעכטס און שאַפן אַ וועלט אָן יסורים אַ וועלט אָן צרות און פיין אַ וועלט וואו אַ מענש זאָל ניט וועלן פאַרניכטן זיין מיטמענש נאָר שלום זאָל הערשן אויף דער וועלט שפיזן זאָלן ווערן רידעלס, חיות זאָלן לעבן אין שלום. דער מענש זאָל זיך אויפהייבן צו דעם ציל פון זיין באַשאַפונג צו דער צייט פון אויסלייזונג קאָמפליט פון אַלע צרות און איבלען צו דער צייט ווען שלעכטס וועט פאַרשווינדן פון האָרייזאָן און איין וועלט פול מיט שמחה און פרייד וועט הערשן. ניטאָ מער קיין נקמות ניטאָ מער קיין באַדריקער און אונטערדריקטע, אַ וועלט פון שלימות אַ וועלט פון

רוהיגקייט אַ שבת רוהיגקייט זאָל הערשן, די וועלט פון משיח. די וועלט וועט קומען און דאַן די גאַנצע מענשהייט אַ באַפרייטע אַ באַרוהיקטע אַ שלום׳דיקע וועט מיטזינגען דעם גרויסן געזאַנג פון שלום און אייביגקייט דעם געזאַנג וואָס וועט דעם הימעל ברייגגען צו דער ערד. דער געזאַנג פון משיח מיט דער גאַנצער וועלט דאָס וועט זיין אַ געזאַנג וואָס וועט אַנהאַלטן פאַר אייביק דער געזאַנג פון מענש צו ג־ט דער געזאַנג פון הימעל און ערד. אַלעס וועט זינגען אויך די נאַטור וועט מעטזינגען אַז ירננו כל עצי היער. דאָס איז דער געזאַנג וועלכער וועט זיין פאַר אייביק דאָס איז דער צענטער געזאַנג.

די שמחה פון פורים ביי אידן

פורים זיינען ימי משתה ושמחה, און די שמחה דאַרף דערגיין עד דלא ידע. די חז״ל דערציילן אין מגילה ווי גרויס עס איז געווען די פרייד ביי די תנאים און אמוראים וועלכע האָבן מקיים געווען דעם עד דלא ידע און אַ גאַנצע גמרא איז געווידמעט געוואָרן דעם טאָג פון פורים מיט קריאת המגילה. די שמחה פון שושן הבירה איז איבערגעגאַנגען מדור לדור און פלעגט זיך אויסדריקן אין פאַרשידענע אופנים: קלאַפּן המן, אויסמאַכן המנ׳ס בילד און פאַרברענען און פאַרשידענע אַנדערע שטיפערייען, שפּילע־רייען און פאַרשטעלונגען. דאָס איז געווען אַ טאָג ווען די פרייד איז אריבער־געגאַנגען אַלע גרענעצן, און מען האָט געדאַרפט אָנווענדן פאַרשידענע וועגן, צו זען, אַז די שמחה זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין הוללות.

וואָס איז דאָס אַזאַ פרייד אין פורים? פאַרוואָס איז פורים אַנדערש ווי אַלע אַנדערע טעג און ימים טובים, וואָס סיי אויסערלעך און סיי אינערלעך זיינען זיי באַשיידן? פאַרוואָס איז פורים אַזוי רעש׳יק, עס דוכט זיך אַז דער נס איז כמעט נאַטירלעך, און דער כלל ישראל האָט שטענדיק געהאַט המנ׳ס, וועלכע האָבן אים געוואָלט פאַרניכטן, טאָ פאַרוואָס איז דער נס פון פורים אַזוי גרויס?

דער נס פון פורים איז פאָרגעקומען אין אַ קריטישער צייט אין לעבן פון פאָלק ישראל, עס איז געווען, ווען אַ טייל פון די אידן האָבן פאַרלאָזט פּערסיע און געגאַנגען אין ארץ־ישראל אויפצובויען דאָס חרוב׳ע לאַנד. דאָרטן האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין פיל צרות און נאָך ניט גענוג די אַלע טעגלעכעליידן און זאָרגן פון די עולים האָט פלוצים קעניג אחשוורוש פאַרבאָטן דאָס בויען פון בית המקדש, און קיינמאָל ניט חרטה געהאַט דערויף. עס האָט אפילו ניט געהאָלפן שפּעטער דאָס בעטן פון מרדכי ואסתר דער קעניג האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס קענען זיי ניט בעטן, עפּעס האָט ער זיך געשראָקן פון דער קדושה פון בית השם.

און ווען אחשורוש מאַכט אַ סעודה און לאַדעוועט איין אַלע מענשן פון זיין הויפטשטאָט, קומען די אידן צו זיין סעודה. ווי קען מען אָבער קומען צו דעם מלכ׳ס סעודה און זיך פרייען מיט אים אין דער צייט ווען ער לאָזט ניט אויפבויען דאָס בית המקדש? די חז״ל זאָגן אַז די אידן האָבן יאָ געהאַט אַביסל זעלבסט־ווירדע ווען אחשורוש האָט זיי געפרעגט צי משיח וועט קענען מאַכן אַזאַ סעודה פאַר זיי. אָבער ווי קען דאָס אַ איד זיך אַוועק־זעצן ביי דעם זעלבן טיש מיטן מלך, וואָס פאַרבאָט בויען אַ בית המקדש, נאָר פיל אידן אין פערסיע האָבן, זעט אויס, זיך ניט געקימערט פאַרן ביהמ״ק און זיינען געגאַנגען צו זיין סעודה. די אידן אין בבל און פערסיע זיינען, ווייזט אויס, אין דער צייט פון אחשורוש אַוועק פון אידישן וועג.

פלוצים האָט פאַסירט אַזוינס וואָס הונדערטער נביאים האָבן ניט גע־קענט אויפטאָן. דאָס פאָלק ישראל האָט זיך פלוצים אומגעקערט צום רבונו של עולם, און אַ נייער קבלת התורה מיט פרייד און גוטן ווילן איז פאָר־געקומען. וואָס האָט געמאַכט די ענדערונג אין אַזאַ קורצער צייט, וואָס פאַראַ תשובה איז דאָס געווען? און דער ענטפער איז אַז צוליב המן האָבן אידן תשובה געטאָן. המן האָט געזען אַז אין דער צייט ווען דער בית המקדש וועט ניט געבויט, ציטערט ניט אויף זייער האַרץ. זיי גייען אָן מיטן טעג־לעכן לעבן ווי שטענדיק און זיינען ניט פאַראייניקט ער האָט ניט געגלויבט אַז עס קען זיך געפינען אַ איד וואָס וועט זיך קעגנשטעלן קעגן אים, און אויב אַזאַ איד וועט זיך יאָ געפינען וועלן די אידן אים ראַטן דאָס ניט צו טאָן. ווען מרדכי האָט זיך ניט געבוקט, האָט המן געוואָלט אַוועקשטעלן אַלע אידן פאַר אַ פראַבע צי וועלן זיי מסכים זיין מיט אים אָדער זיי וועלן זיך קומען בעטן ביי אים, אָדער ביי דעם קעניג, צו ראַטעווען זיי פון טויט. זיי וועלן פאַרלאָזן מרדכי און זיך אָפּקערן פון אים.

המן האָט אָבער שלעכט פאַרשטאַנען דעם כלל ישראל, וואָס קען זיך פלוצים אויפהויבן פון תהום און אומקערן זיך צו קדושה, צו התרוממות הרוח און צו קבלת התורה בשמחה. און ווען די גזירה איז אָנגעקומען אין די הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות, האָט קיין איד ניט געגעבן מרדכי אומגערעכט, האָט קיין איד ניט געטענה׳ט אַז מרדכי האָט דאָס ניט געטאָרט

טאָן צו ברענגען אַ סכנה אויפן כלל ישראל. עס האָט זיך ניט געפונען קיין איד וואָס איז געלאָפן צו זיינע גויאישע שכנים בעטן אַז ער זאָל אים אויסבאַהאַלטן, ניין! קיין איד האָט ניט געפרוווט איבערצובייטן זיין רעליגיע כדי זיך צו ראַטעווען, און קיין איד האָט ניט פאַרלאָזט די רייען פון זיין פאָלק. פלוצים איז אַ פאַראייניקונג פאָרגעקומען צווישן דעם כלל ישראל, עפּעס האָט זיי די גזירה פון המן געוויזן, אַז צו וויט זיינען זיי אַוועק פון תורה. אָט איז אַ ביישפּיל פון מרדכי, אַז ווען עס האַנדלט זיך וועגן קדושת־השם איז קיין געפאַר ניט צו גרויס. מרדכי׳ס מסירת נפש טראָגט זיך אַריבער צו אַלע אידן, און פאַראייניקט זיינען אַלע אידן ווי ביי אַ קבלת התורה, נאָר מיט נאָך אַ גרעסערן מסירת נפש ווי ביים באַרג סיני, מען פאַרשטייט אַז די איינציקע רעטונג איז תשובה.

עס ווערן געמאַכט אַלע הכנות פאַר אַ באַנייטן קבלת התורה, ניט נאָר די תורה שבכתב, נאָר אויך די תורה שבעל פה ווערט ליב און טייער. אַלע אידן פאַסטן און זיינען מתפלל, און אידישע קינדערלעך קומען צו מרדכי הערן פון אים ג־טס וואָרט. ווען מרדכי שרעקט זיך פאַר זייער לעבן און ער בעט ביי די קינדערלעך אַוועקצולויפן, ענטפערן זיי אים: דיין גורל איז אונזער גורל. אַן ענדערונג איז מיט אַמאָל פאָרגעקומען אין אידישן פאָלק, זיי פאַרלאָזן זיך ניט מער אויף גויים, נאָר אויפן רבונו של עולם. אסתר המלכה פאַרלאָזט זיך ניט אויף איר שיינקייט, נייערט אויף דער תפלה פון מרדכי און כלל ישראל. דאָס איז געווען אַ תשובה מעומקא דליבא פון גאַנצן כלל ישראל, און ווי קען נאָך זיין אַ גרעסערער מאָמענט ווי תשובה פון אַ כלל, קיין זאַך קען ניט ביישטיין קעגן זיי, קיין המן קען זיי ניט בייקומען, און המנ׳ס מפּלה איז פאַרזיגלט.

ווען דער נס האָט געטראָפן, דער נס פון תשובה, פון יראת שמים פאַרן גאַנצן כלל ישראל, דער נס פון מפּלת המן, האָבן אַלע אידן געפילט אַז די גרויסע מינוט פון קבלת התורה איז איצט, מעמד הר סיני חזר׳ט זיך איבער, און אַלע אידן האָבן מקבל געווען די תורה בשמחה, און אין מאָמענט פון קבלת התורה בשמחה, קען ניט זיין איין איד זאַט און דער צווייטער הונגעריק. דאַן מוז זיין משלוח מנות און מתנות לאביונים, אַלע

אידן זאָלן ווי איינער זיך משמח זיין, ווייל וואו קבלת התורה איז דאָ, איז דאָ שמחה, שמחה של מצווה, אַ שמחה של שלימות, א תורה'דיקע פרייד וואָס איז אַן אייביקע פרייד, און מאַכט אונדז שטאַרק זיך ניט צו שרעקן פאַר קיין המן. ווייל מיט תורה איז נאָר פרייד.

דעריבער איז פורים געווען אַזוי פריילעך, ווייל פורים ווייזט אונדז די אייביקייט פון פאָלק ישראל, פון תורת ישראל.

פורים לערנט אונדז אַז אַזוי אייביק ווי עס וועט זיין הימל און ערד, אַזוי אייביק וועט זיין דער כלל ישראל. ווייל תורה מיט ישראל זיינען איינס, דורך וועמען זיי זיינען זיך מתדבק בהשם און צוזאַמען בילדן זיי דעם חוט המשולש פון ישראל, אורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא.

דאָס איז דער סוד פון שמחת פורים.

געטליכע חרות און ג־טלאזע פרייהייט

הנסה לבוא לקחת לו גוי מקרב גוי (דברים ד׳)

עס זיינען געווען פילע מענטשן וואָס האָבען געמאַכט פאַרזוכן צו באַפרייען קנעכט ווי ספּאַרטאַקוס, לינקאָלן, פיל פאַרשידענע פירשטען וועלכע האָבן באַפרייט קנעכט. דאָס איז געוואָרן דער פועל יוצא פון רוימישע בעלי־בתים ספּאַרטאַקוס איז אומגעקומען אין זיין מלחמה מיט די רוימישע בעלי־בתים ווען ער האָט געזוכט צו נעמען נקמה פון זיי פאַר די קנעכטשאַפט פון פריער. אין רוסלאַנד זיינען די פויערים נאָכן באַפרייען געווען אין אַן ערגערער לאַגע ווי פריער, פאַרלאָרענע מענטשן אָן אַ באַשטאַנד, די נעגראָס אין אַמעריקע זיינען דורך דעם באַפרייען פון לינקאָלן געבליבן כמעט אין שווערן מצב און נאָך אפילו יעצט איז דער אונטערשייד גרויס. זיינען נאָך ניט צוגעקומען צום גרויסן וואָרט און מיין פון פרייהייט, אָבער מיט דעם פאָלק ישראל טרעפט וואונדער. אַט זיינען זיי געווען פאַרשקלאַפט פיזיש און גייסטיק און פלוצלונג קריגן זיי אמונה אין ג־ט און גלויבן אַז די גאולה קומט און טוען ווי זיי ווערען אָנגעזאָגט פון משה און אהרן, און דריי מיליאָן מענטשן האָבן אמונה און גייען נאָך משה און אהרן אין מדבר, אָן עסן און טרינקען און פאַרלאָזן זיך אויפן רבונו של עולם; און זיבן טעג נאָך זייער באַפרייאונג ווערן זיי גרעסער ווי נביאים און זעען אַזוינע זאַכן וואָס קיין נביא קען דאָס ניט דערגרייכן. און טייטלען מיט די פינגער אויפן רבונו של עולם און זאָגן „זה א־לי ואנוהו" איך וויל זיך גלייכן צום רבונו של עולם און אַריבערשטייגן נביאים, און גיין אַלע איינס צוזאַמען צו קבלת התורה, צו נעמען די תורה און ווערן אַליין אַן עם התורה, אין אַזאַ קורצער צייט, איז דאָס ניט דער גרעסטער וואונדער אין דער וועלט אָבער ווי אַזוי איז דער וואונדער געוואָרן?

דער רבונו של עולם זאָגט „זכרתי לך חסד נעוריך לכתך אחרי במדבר",

איך געדענק דיין גרויסן חסד דיין שטאַרקן גלויבן צו גיין נאָך מיר אין מדבר און ניט צו פרעגן וואָס וועט זיין מאָרגן אין מדבר, וואָס וועלן מיר עסן. ווען אמונה איז דאָ איז קיין דאגות ניטאָ, ווען אמונה איז פאַראַן קומט שפייז פון הימל, ווערט אין מדבר געשאַפן דער פאָלק וואָס איז אָנגערופן ג־טס פאָלק, אַ פאָלק פון נביאים אַ גוי קדוש, יציאת מצרים האָט דעם פאָלק ישראל געמאַכט פריי, אמת׳ע פרייהייט וואָס קען קיין מאָל נישט צוגענומען ווערן, אפילו ווען דער איד ווערט געפייניקט דורך די אומות העולם און זיי האַלטן אים אין גלות, ווייסט ער אַז ער איז דער בן חורין און אַז זיי זיינען די עבדים. יציאת מצרים האָט געמאַכט פריי דעם איד גייסטיק. יציאת מצרים האָט ארויסגענומען די קנעכטשאַפט פון זייער קערפער און נשמה און געמאַכט זיי פילן אַז זיי זיינען בני חורין, פאַרבונדן מיטן בורא עולם.

און ווען אַ מענטש פילט אַז ער איז מדובק אין בורא עולם קען קיינער אים ניט פאַרשקלאַפן, ווייל ווען מען איז מדובק בהשם איז מען פול מיט פרייליכקייט און עס קען ניט זיין קיין קנעכטשאַפט, וואו אמונה איז פאַראַן האָט מען בטחון אויף ימות המשיח.

די אבות העולם האָבן געשאַפן אייביגקייטן און דאָס איבערגעגעבן צו זייערע קינדער. קומענדיק אין מצרים און ליידנדיק די פאַרשקלאַפונג פון די מצרים האָבן זיי כמעט פאַרגעסן די תורת האבות כמעט פאַרגעסן אַז זיי זיינען בני אברהם יצחק און יעקב און נאָכגעטאָן די מצרים. און געגאַנגען אין זייערע וועגן. אָבער קלייניגקייטן וואָס זיי האָבן געלערנט פון די אבות האָבן זיי אויפגעהאַלטן. זיי בייטן ניט זייערע קליידער, און ריידן אויף דער שפּראַך פון די אבות.

אין די שווערסטע מינוטן פון ליידן און פיין ווען זייערע קינדער זיינען אַריינגעטאָן געוואָרן אין ווענט, דערמאָנטען זיי זיך אַז זיי זיינען קינדער פון אברהם יצחק און יעקב און אַז דער גרויסער איד יוסף וואָס איז אין דעם לאַנד דערהויבן געוואָרן צום העכסטן אַמט האָט געגלויבט אַז עס וועט קומען אַ טאָג פון באַפרייאונג.

עס איז ניטאָ קיין קלייניגקייטן! איין קלייניגקייט ווי „לא שינו את שמם"

קען ברייננגען די גאולה און מאַכן זיי פאַר אַ פאָלק וואָס סימבאָליזירט פרייהייט (הרב ירוחם לוואָוויץ, מנהל רוחני פון מירער ישיבה). בני אברהם יצחק ויעקב מוזן בלייבן אייביק. יציאת מצרים מאַכט אַ פאָלק אַן עם קדוש, וואָס זיין פרייהייט איז אַן אייביקע, אַ פאָלק פון בטחון און אמונה, דאָס איז די גרויסקייט פון יציאת מצרים.

געטליכע אנטפלעקונג אין יציאת מצרים

(פסח־געדאַנקען)

אין דעם העכסטן מאָמענט פון התגלות כבוד השכינה צום כלל ישראל און דער וועלט האָבן מיר געהערט: אנכי ה׳ אלוקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים. דער רמב״ן ערקלערט, פאַרוואָס האָט דער רבונו של עולם נישט געזאָגט „איך בין דיין ג־ט וואָס האָט געשאַפן הימעל און ערד״, ווייל פון יציאת מצרים לערנען מיר השגחה פרטית.

אין זהר הקדוש ווערט דערציילט אַז רבי יוסי האָט געזאָגט צו רבי שמעון בן יוחאי: איך ווייס נישט וואָס צו טאָן, פרעגן מיין פראַגע, אָדער ניט פרעגן, כדי דו זאָלסט נישט זיין אין כעס אויף מיר; האָט רבי שמעון געזאָגט: בעסער פרעג, כדי זאָלסט ניט בלייבן מיט דיין פראַגע אָן אַן ענטפער. האָט רבי יוסי געפרעגט: ווען איינער צאָלט אַ חוב איז דאָס אַזאַ גרויסע זאַך אַז מען דאַרף זיך דערמיט באַרימען? דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט אברהם אבינו אַז ער וועט די אידן אויסלייזן און זיי וועלן אַרויס ברכוש גדול; טאָ פאַרוואָס ווערט דאָס כסדר דערמאָנט „אשר הוצאתיך מארץ מצרים״? דאָס איז דאָך ניט מער ווי מקיים געווען אַ צוזאָג. האָט רבי שמעון געענטפערט: געוויס האָט השי״ת געדאַרפט מקיים זיין זיין צוזאָג, אָבער ער האָט נישט געדאַרפט זיי מאַכן הייליג; ער האָט נישט געדאַרפט זיי אַרויסנעמען פון מ״ט שערי טומאה און זיי אַריינברענגען אין מ״ט שערי קדושה. דאָס איז די גרויסקייט פון יציאת מצרים. דעריבער שטייט דאָס וואָרט אַשר הוצאתיך מארץ מצרים פופציג מאָל אין דער תורה, ווייל יציאת מצרים האָט זיי צוגעבראַכט צו דעם פופציגסטן טויער פון בינה און חכמה, און דאָס איז די סיבה פון ספירת העומר, צו ציילן יעדן טאָג דעם נייעם טויער.

יציאת מצרים האָט געמאַכט דעם כלל ישראל פאַר אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש. פאַר אַ פאָלק, וואָס קיין קנעכטשאַפט קען פון אים נישט צונעמען

זיין פרייהייט; קיין גלות קען עס נישט פאַרניכטן. ווייל קדושה איז אייביק.

יציאת מצרים האָט דעם אידן אויפגעהויבן און אַריינגעפירט אין דער וועלט פון אַצילות, אין דער וועלט פון אייביגקייט און ג־טליכקייט, קענען קיינע שקלאַפן־קייטן עס נישט פאַרבינדן.

יציאת מצרים האָט געמאַכט דעם אידן פאַר דער נשמה פון דער וועלט. ער איז דער וואָס לערנט פרייהייט צו דער וועלט. דעריבער וועט דער איד זיין אייביג כימי השמים על הארץ.

דאָס איז דער סוד פון יציאת מצרים, דאָס איז די גרויסקייט פון פרייהייט. די גאַנצע נשמה, דער גאַנצער וועזן פון איד איז פריי, פול מיט חירות וואָס מאַכט אים תורה׳דיג, וואָס מאַכט אים פאַרבונדן מיט׳ן קודשא בריך הוא, און פאַר אַן עם נצחי.

ספירה

א.

„איר זאָלט ציילן צו אייך פון דעם מאָרגען פון נאָך שבת". די תורה רופט אָן פסח מיטן נאָמען שבת צוליב דער גרויסער ענלעכקייט וואָס איז פאַראַן צווישן זיי. אויך אין קידוש פון שבת זאָגן מיר: „זכר ליציאת מצרים", פרעגן ראשונים וואָס פאַר אַ שייכות האָט שבת בראשית מיט יציאת מצרים? דער ענטפער איז, אַז שבת און פסח זיינען ענלעך איינער צום צווייטן. שבת וויזט אויף השגחה פרטית, זעקס טעג ווערט געאַרבעט און פלוצלונג שטעלט זיך אַלעס אָפּ. אויפגעהערט דאָס אַרומיאָגן זיך און אַן הייליגע רוהיגקייט, אַ מנוחה שלימה, רוט אין יעדער אידישע הויז. נישטאָ קיין זאָרג פאַר גשמיות נאָר רוחניות'דיגע הויכקייט פון אַ נשמה יתירה פילט אָן יעדן איד. אויך די גשמיות ווערן שבת רוחניות, און בילדן איין האַרמאָניע צווישן דעם איד מיטן בורא עולם. עולם הבא לאָזט זיך אַראָפּ צו יעדן שומר שבת און ער שוועבט אין די וועלטען פון אצילות און התרוממות הרוח. קיין זאָרג איז ניטאָ, ווייל מען פאַרלאָזט זיך אויפן בורא עולם. ער האָט די וועלט געשאַפן און מיר האָט ער געשאַפן בצלם אלקים און איך בין באַליבט ביים רבונו של עולם, איך ווער אָנגערופן בן להקדוש ברוך הוא און הקדוש ברוך הוא וועט מיר אַלץ פאַרזאָרגן.

שבת דערמאָנט אין יציאת מצרים, ווייל ביי יציאת מצרים האָט מען געלערנט מער ווי אַלעמאָל השגחה פרטית, אז די וועלט ווערט געשאַפן פאַר יעדן מענטשן באַזונדער. ווען פאַר איינעם איז ליכט און פאַר דעם אַנדערן פינסטערניש, פאַר דעם איז וואַסער און פאַר דעם איז בלוט. פאַר יעדן מענטשן ווערט געשאַפן אַנדערש. דער בורא איז מחדש יעדער מינוט, מעשה בראשית און ניט פאַר יעדן איז דער זעלבער חידוש, ווייל דער בורא איז אַ משגיח פרטי אויף יעדן מענטש. אין דער העכסטער מינוט פון התגלות הקדוש ברוך הוא על הר סיני דערמאָנט ער „אשר הוצאתיך מארץ מצרים"

און ניט אשר בראתי שמים וארץ, ווייל יציאת מצרים לערנט מער ווי מעשה בראשית. יציאת מצרים לערנט השגחה פרטית, און דעריבער רופט די תורה אָן פסח מיטן נאָמען שבת, ווייל פסח און שבת לערנען השגחה פרטית. מעגן שפּעטער צדוקים מלחמה האַלטן מי די פּרושים פאַרן טייטש פון ממחרת השבת, אָבער דאָס איז קלאָר פאַר יעדן תורה־טרייען איד, אַז עס איז אַזוי פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די תורה רופט פּסח מיטן נאָמען שבת, און עס וועט ביי קיין איד קיין פראַגע ניט זיין ווען מען דאַרף אָנהייבן צו ציילן ספירה און ווען דער גרויסער יום טוב פון קבלת התורה פאַלט אויס.

ב.

ספירה ווערט געציילט צווישן פסח און שבועות צו פאַרבינדןביידע ימים טובים. מיט אומגעדולד האָט דער כלל ישראל וואָס איז איצט אַרויס פון מצרים געוואַרט אויפן טאָג ווען ער וועט פילן אמת'ע חרות, ריכטיגע פרייהייט. נאָכן דורכגיין די ניסים פון יציאת מצרים, קריעת ים סוף און ווערן אַ דור דעה, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז חרות מיינט, אַז נאָר דער מענטש וואָס זיין נשמה איז פריי, נאָר דער איז אַ בן חורין, און אַ פרייע נשמה קען מען נאָר האָבן ווען מען האָט קיינעם ניט איבער זיך נאָר דעם רבונו של עולם. ווען אַ מענטש איז מדובק בהשם, קען קיינער אים ניט באַהערשן.

האָבן זיי דעריבער געציילט און געוואַרט אויפן גרויסן טאָג, ווען דער רבונו של עולם וועט זיי געבן די תורה און דורך דער תורה וועלן זיי זיך אויפהייבן און שאַפן זיך אַליין אַז זיי וועלן ווערן אַליין תורה. און תורה קען ניט ווערן פאַרשקלאַפט. ווייל תורה מאַכט אים אייביג כימי השמים. אויך ווערן דער כלל ישראל, אַז קיין שונא וועט אים ניט פאַרניכטן. ווייל תורה מאַכט אים אייביג כימי השמים. און דער כלל ישראל האָט געוואַרט און געציילט די טעג מיט אומגעדולד, און ווען דער גרויסער טאָג פון קבלת התורה איז געקומען איז פון גרויס התדבקות בהשם אויסגעגאַנגען זייערע כחות, הערנדיג דעם קול השם „נפשי יצאה בדברו" און מלאכי מעלה זיינען זיי מחיה, און זיי ווערן פריי פון יסורים, פון מלאך המות, פריי

פון יעדער קליינינקייט, פריי פון זאָרג. ווייל מיטן רבונו של עולם און מיט זיין תורה איז מען פאַרזיכערט מיט שלמות, מיט גאַנצקייט, און וואו גאַנצקייט איז דאָ, פאַרשווינדן אַלע טעגלעכע קליינינקייטן.

דעריבער שטייט ניט ביים קרבן שבועות שעיר עזים לחטאת, נאָר שעיר עזים ווייל ווען קבלת התורה איז דאָ, איז קיין חטאים נישטאָ, און אויב קיין זינד איז נישטאָ, איז מען שלם, און ווען מען איז שלם שטייגט מען אַלץ העכער און העכער און מען הויבט זיך אויף בדרכי השם. דאָס האָבן אונזערע עלטערן אין מדבר געציילט צווישן פסח און קבלת התורה און דאָס זעלבע דאַרפן מיר אין זינען האָבן ביים ספירת העומר.

געדאנקען צו ספירת העומר

דורך ספירה פאַרבינדט די תורה די צוויי ימים טובים, פסח און שבועות.

חז״ל פאַרטייטשן, אַז דער אויבערשטער זאָגט: ברענגט פאַר מיר דעם עומר כדי די תבואה זאָל געבענטשט ווערן. מיר דוכט זיך, עס איז לייכט צו פאַרשטיין פאַרוואָס ספירה איז פאַרבונדן מיטן עומר. פסח האָט אידן געמאַכט פריי פון עבדות; שבועות האָט זיי געמאַכט תורה׳דיג; קומט דער עומר צווישן זיי. די טעג וואָס וועקן דעם מענטש צו גרויסקייט און שלימות זיינען פאַרבונדן מיטן עומר. תורה מאַכט דעם אידנס עסן אַ קרבן, ויחזו את האלוקים ויאכלו וישתו. יציאת מצרים פון איין זייט, גרויסע ניסים, און דאָס גרעסטע נס איז: אַ פאָלק איז אַרויס אין מדבר און פרעגט נישט וואו ער וועט נעמען שפייז. מיט אמונה פאַרשווינדן אַלע דאגות. גייען מענטשן אין מדבר נישט צוגרייטנדיג קיין זאַך, גייט מען אין מדבר נאָך דעם רבונו של עולם. גיין מיטן רבונו של עולם מאַכט פון מדבר אַ גן־עדן, ווערט טאָקע אַזוי, ווערט דער מדבר אַ גן־עדן. קריגן זיי מלאכים־שפייז (לחם אבירים אכל איש, תהלים), באַגלייטן זיי ענני כבוד, ווערט דער גן־עדן געבראַכט אין מדבר, ווערט דער עומר פון מן פאַרוואַנדלט אין אַ קרבן (לאכל לחם לפני האלוקים, שמות). קומט מען דאַן צו צו קבלת התורה, ווערן די מענטשן נתקדש און דער עומר ווערט פון עומר תורה.

ווען מען עסט תורה׳דיג איז דער עסן תורה. דעריבער פאַרבינדט די תורה דעם פסח און שבועות, יציאת מצרים און קבלת התורה מיטן עומר. ווערט דער עומר לגולגולת קודש, קען אַ איד דעם עסן מאַכן לחם שמים. שלש סעודות שבת ראַטעוועט פון מלחמת גוג ומגוג. עסן מלוה מלכה שטאַרקט דעם קערפּער פאַר תחית המתים. וויל אַ מענטש גיסן נסכים אויפן מזבח זאָל ער תלמידי חכמים געבן וויין. ווען אַ מענטש קומט צו קדושה ווערט זיין עסן קדוש (מסלת ישרים).

איז פאַרבונדן די בענקשאַפט צו קבלת התורה מיטן עומר, ווייל דער

עומר ווייזט אַז דער טעגליכער עומר קען אַוועקגעפירט ווערן צו שמי שמים. אַ מענטש קען זיך אויפהובין אַז זיין טעגליכער עסן ווערט קדוש. דאָס קען זיין נאָר דורך תורה. דעריבער קומט דער עומר צווישן פסח און שבועות.

שבועות-געדאנקען

א.

רבונו של עולם, דו ביסט אומעטום, איך זע דיך אין יעדער באַוועגונג פון יעדער זאַך. איך זע דיך ווען דאָס גרעזעלע וואַקסט, איך זע דיך ווען דאָס ווינטעלע בלאָזט, איך זע דיך ווען דאָס טייכעלע שטראָמט, איך זע דיך אין יעדער זאַך אין דער וועלט. ווי וואונדערליך איז דיך צו זען אין אַלעס וואָס דו האָסט געשאַפן! נאָר אָט נעם איך דיין תורה און איך פאַרטיף זיך אין איר, דאַן פאַרגעס איך אַלעס אויף דער וועלט, דאַן זע איך קיין זאַך ניט. נאָר איך און דו, דו און איך, און מיר ווערן פאַראייניגט אין די הויכע וועלטן פון קדושה און טהרה. און דאָרטן ווערט פאַר מיר געשאַפן דער תענוג הכי יותר גדול, וואָס אַלעס, אפילו דער תענוג של עולם הבא קען זיך ניט פאַרגלייכן צו דעם (פרקי אבות). ווייל דער גרעסטער תענוג איז ווען איך בין זיך מתיחד מיט דיר און איך פיל דיך, וכל קרבי פילן דיך און האָבן דעם תענוג פון פילן דיך אַז דו האָסט מיך געשאַפן און דו ביסט מיט מיר. און דאָס איז נאָר דורך תורה און מעשים טובים.

ווי גוט איז צו זיין אַ מקבל התורה. איך האָב די תורה פון דיר געקראָגן, און איך ווער אַליין תורה. און איך ווער באַהעפט מיט דיר און שוועב אין די אייביגע וועלטן און זע דיין ליכטיגקייט.

עס איז אַזוי וואונדערליך צו זיין אַ מקבל התורה. אשרי העם שככה לו, אשרי העם שד׳ אלקיו...

ב.

אין מענטשן איז שטענדיג דאָ אַ צוזאַמענשטויס צווישן דעם געדאַנק פון שלימות און רצונות. עס איז אַ קאָנטראַסט צווישן זיי, ווייל ווי קען אַ מענטש זיין אַ שלם און דערביי האָבן פאַרלאַנגען. שלימות מיינט דאָך, אַז דער

מענטש האָט שוין אַלעס און נויטיגט זיך ניט אין קיין שום זאַך, טאָ ווי אַזוי קען ער האָבן אַ רצון צו עפּעס? דער רצון מיינט דאָך אַז די זאַך פעלט אים? אָבער דורך תורה איז דאָס אַזוי. זייענדיג אַ חלק פון דער אייביגקייט, פון דער קדושה און נצחיות פון דער תורה, גייט ער פון מדרגה למדרגה צוזאַמען מיט דער תורה. און דאַן האָט מען די שלימות פון דער רגע פון דער יצירה עד בלי סוף. און ווען מען האָט דעם בלי סוף אין זיך האָט מען שלימות. אַלע פאַרלאַנגען זיינען אַ חלק פון דער גרויסער גאַנצקייט אין מענטשן. דאָס איז קבלת התורה.

ג.

קבלת התורה מיינט, אַז מען האָט דעם הימעל אַראָפּגעבראַכט אויף דער ערד. און פון דער ערד געמאַכט הימעל.

צוגענומען די תורה פון הימעל (בבא מציעא). דאָ אויף דער ערד ווערט אַלעס אויפגעטאָן און געשאַפן און אין הימעל לערנט מען די תורה וואָס מען שאַפט אויף דער ערד (גיטין), און דער רבונו של עולם זאָגט, דער אמורא, מיין קינד,זאָגט אַזוי און דער זאָגט אַזוי. אויף דער ערד ווערט ניט נאָר באַשלאָסן אַלעס וואָס איז נוגע דעם ערדישן לעבן, נאָר אויך אפילו ווער איז אַ בן עולם הבא ווערט אויך דאָ באַשטימט. און דער הימעל מוז דאָס אויספאָלגן (סנהדרין). און אויב דאָ באַשליסט מען אַן עבור־יאָר און דאָס גלייכן מוז מען אין הימל משנה הטבע זיין (ירושלמי נדרים). דאָס האָט געשאַפן קבלת התורה. עס מאַכט דעם מקבל התורה פאַר תורה. ער ווערט אַ חלק פון נצח נצחים. דורך תורה ווערט דער מקבל התורה פאַר־איניגט מיט קודשא בריך הוא. ווערט אין האַרמאָנישער צוזאַמענגוס, „ישראל ואורייתא וקודשא בריכו חד הוא“.

מתן תורה און קבלת התורה

אָט אַזוי איז דער גאַנג פון אידישער געשיכטע: ס'הויבט זיך אָן: ויהי רעב בארץ (רות), הונגער, נויט, וואָגלעניש, און ס'ענדיגט זיך: וישי הוליד את דוד — מלכות.

אַלע מלוכות אין דער געשיכטע זיינען געבוירן אויפן שלאַכטפעלד, פון בלוט־פאַרגיסונגען; ביים וויגעלע פון אידישער מלוכה, מלכות בית דוד, איז געשטאַנען — חסד.

אָבער מלכות ביי אידן איז באַזירט אויף תורה. מגילת רות לייענען מיר אין יום־טוב פון קבלת התורה. תורה איז דער יסוד.

די גרויסקייט פון מקבל התורה איז דאָס וואָס ער ווערט אָנגערופן עבד השם און די תורה ווערט אָנגערופן זיינע — „זכרו תורת משה עבדי".

ווי גרויס איז געווען דער מקבל התורה, אַז תורת השם ווערט אָנגערופן זיין תורה? מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין דער מסיבה פון גדולי ישראל פון פאַריגן דור, מיין גרויסער רבי הגאון רבי משה מרדכי עפשטיין, הגאון רבי איסר זלמן מעלצער און דער אַלטער פון סלאָבאָדקע, זצ"ל, ווען זיי האָבן דיסקוטירט דעם רמב"ם הל' תשובה פ' חמישי הל' ב', וואו דער רמב"ם אונטערשטרייכט, אַז יעדער מענטש איז אַ בעל בחירה חפשית, און זאָגט: „שיכול אדם להיות צדיק כמשה רבנו או רשע כירבעם". איז ביי זיי געווען די פראַגע, צי דאָס מיינט אַז אין אונזער צייט קען יעדער מענטש צוקומען צו משה רבנו'ס גרויסקייט, אָדער אַז דאָס מיינט, אַז אין פראָפאָרץ צו זייער דור קען יעדער מענטש זיין אַזוי גרויס ווי משה אין זיין דור?

די מיינונגען צווישן זיי זיינען געווען פאַרשידן, און מען האָט אויך געהערט אַז עס מיינט ממש ווי משה רבנו, ווי גרויס די מדרגה פון משה רבנו דער מקבל התורה ס'איז געווען.

דער רמב״ם אין הלכות יסודי התורה פרק ז׳ רעט וועגן דער גרויסקייט פון נבואה און נביא, און זאָגט, אַז אַ נביא איז דער מענטש וואָס קומט צו צו שלימות אין דעות און מדות און זיין מחשבה איז שטענדיג צו שטייגן און זיך מתדבק זיין מיט ג־ט, און קיין זאַך פון דער וועלט איז אים נישט נוגע. וואונדערליך איז די מדרגה פון נביא. דער רמב״ם אין הלכה ו׳ זאָגט, אַז אַלץ וואָס מיר האָבן געזאָגט ביז איצט איז דאָס נוגע יעדן נביא אויסער משה רבנו, וואָס ביי משה רבנו איז זיין דעת געווען צוגעבונדן צום רבונו של עולם און די שכינה האָט זיך פון אים קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן, זיין פּנים האָט געקראָגן די קרני הוד און ער איז הייליג געוואָרן ווי מלאכים.

ביי קבלת התורה, ווען געטליכקייט האָט זיך אַנטפּלעקט, האָט ג־ט געזאָגט צו משה רבנו: „וגם בך יאמינו לעולם״ — אין דיר וועלן זיי גלויבן פאַר אייביג. איז דאָך אַ פראַגע, דער אויבערשטער זאָגט נישט זיין נאָמען אויף אַ מענטשן ווען ער לעבט, אַפילו אויף די אבות, ווייל אַ מענטש איז אַ בעל בחירה, טאָ ווי זאָגט מען צו משה רבנו, אַז פאַר אייביג וועלן די בני ישראל גלויבן אין אים, ער האָט דאָך בחירה, קען ער דען נישט אַנדערש ווערן?

נאָר משה רבנו איז צוגעקומען צו דער מדרגה, אַז זיין בחירה האָט געמוזט זיין נאָר בטוב, ווייל ער האָט געזען יעדער זאַך מיט דער קלאָרער ליכט, ער האָט געשוועבט אין דער וועלט פון אצילות און שיינקייט, וואו דער כבוד השם איז שטענדיג; טאָ ווי קען מען ווערן אַנדערש. ווען אַלץ איז אַזוי קלאָר און ליכטיג און עס פאַרשווינדן אַלע ספיקות? מעג ער טאָקע שפּעטער זאָגן: שמעו נא המורים (במדבר), אָבער ער בלייבט דער אייביגער עבד השם וואָס לעבט אין די הויכע הימלען און שטענדיג איז דער רבונו של עולם מיט אים — „פה אל פה אדבר בו...״ קען מען משה רבנו פאַר־זיכערן, פערציג יאָר פאַר זיין הסתלקות,אַז ער וועט אייביג בלייבן דער זייל פון אמונה ביים כלל ישראל, „וגם בך יאמינו לעולם״.

שטייט משה רבנו אויף דעם באַרג סיני, אין דער מינוט פון קבלת התורה, און די שטימע פון רבונו של עולם ווערט געהערט: אנכי השם אלקיך. — ווערן די בני ישראל אין דער מדרגה פון מלאכי עליון, ווערן

זיי פריי פון מלאך המות. קומען זיי צוריק ווי אדם הראשון אין גן עדן, שטייט דערבײַ דער בחיר של הקדוש ברוך הוא, משה רבנו, און ווערט אין דעם מאָמענט פאַראייניגט מיט די אייביגקייט און קדושה של הקדוש ברוך הוא; בלייבט ער אין דער מדרגה אויף אייביג. איז ער שטענדיג אין זעלבן מצב ווי ביי קבלת התורה, ווי אדם הראשון קודם החטא; ווערט דערנאָך דעם כלל ישראל דערלויבט צו גיין צוריק צו זייערע היימען, אָבער משה רבנו בלייבט שוין דאָרט אויף שטענדיג — „ואתה פה עמוד עמדי". ער איז אין שמי שמים די גאַנצע צייט, ער לייכט ווי די מלאכים און עס שיינען אויף אים די קרני הוד; ווערט ער אַן עבד השם, ווערט די תורה זיינע, איז זיין לעבן דורכאוס הייליגקייט, איז ער דער רעיא מהימנא דישראל.

גרייטען זיי זיך אַריינצוגיין אין ארץ ישראל, אין דעם לאַנד פון הקדוש ברוך הוא: „ותבואו אל ארצי", דאָס איז דאָס לאַנד וואָס ג־ט האָט אויס־געקליבן, קען משה רבנו נישט אַריינגיין אין לאַנד, שטייט משה רבנו אויפ׳ן באַרג נבו, ג־ט ווייזט אים ארץ ישראל פון דן ביז באר שבע. זעט משה רבנו דאָס לאַנד פון זיין שטרעבונג, דאָס לאַנד פון קדושה, דאָס לאַנד וואו אַ בית המקדש וועט געבויט ווערן; ווייזט אים ג־ט אַלע פאַרשיידענע צייטן וואָס ארץ ישראל וועט האָבן. אין דער מינוט ווען משה רבנו וועט איבערגעבן זיין נשמה צום רבונו של עולם, ווערט דאַן ביי אים פאַרבונדן תורה, קדושת הארץ, קרבת השם צוזאַמען.

עס איז דאַן שבת פאַרנאַכט, משה רבנו ווערט נסתלק, מלאכים זאָגען: „צדקת השם עשה ומשפטיו עם ישראל".

ווי קליין האָט דאַן אויסגעזען דער באַרג נבו ווען משה רבנו איז געשטאַנען אויף אים!

קבלת התורה

קבלת התורה מיינט אַז מען האָט דעם הימעל אַראָפּגעבראַכט אויף דער ערד, און פון דער ערד געמאַכט דעם הימעל און צוגענומען די תורה פון הימעל (בבא מציעא), דאָ אויף דער ערד ווערט אַלעס אויפגעטאָן און געשאַפן און אין הימעל לערנט מען די תורה וואָס מען שאַפט אויף דער ערד (גיטין) און דער רבונו של עולם זאָגט: „דער אמורא, מיין קינד, זאָגט אַזוי און דער זאָגט אַזוי". אויף דער ערד ווערט ניט נאָר באַשלאָסן אַלעס וואָס איז נוגע דעם ערדישן לעבן. אויך אַפילו ווער ס'איז אַ בן-עולם הבא ווערט דאָ באַ־שטימט און דער הימעל מוז דאָס אויספאָלגן (סנהדרין), און אויב דאָ באַשליסט מען אַ עיבור יאָר מוז מען אין הימעל משנה הטבע זיין (ירושלמי נדרים).

אָט דער כח האָט געשאַפן קבלת התורה. עס מאַכט דעם מקבל התורה — פאַר תורה און ער רעגירט דורך דער תורה אין אַלע הימלען און ווערט אַ חלק פון נצח נצחים, דורך תורה ווערט דער מקבל התורה פאַראייניגט מיט קודשא בריך הוא און ווערט אין האַרמאָנישער צוזאַמענגוס: ישראל ואורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא.

מיר מיינען אַז מיר לעבן מיט דער צייט ווי טאָג, שעה און מינוטן, אין אמת'ן איז דאָס אַ טעות, ווייל די סעקונדן פון פריער זיינען שוין אַן עבר און די נעקסטע סעקונדע איז נאָך ניטאָ, אויב אַזוי איז כמעט ווי מיר האָבן אַ צייט, וואָס אָדער זי איז שוין אַוועק, אָדער זי דאַרף נאָך קומען און אין געגנוואַרט האָבן מיר כמעט גאָר ניט, נאָר זייענדיג געשאַפן בצלם אלקים, און דורך דער תורה, זיינען מיר אַ חלק פון דער גאַנצער אייביגקייט פון דער מינוט פון אדם הראשונ'ס שאַפונג ביז אין נצח נצחים. און אַ מענטש קען מתקן זיין דעם נצח אפילו פון פריער ווי ער איז געבוירן געוואָרן, ווייל ער איז איין חלק פון אייביגקייט ווי עס האָט געזאָגט רבי שמעון בן יוחאי: איך, מיין זון און יותם מלך יהודא קענען צורעכט מאַכן די וועלט פון אדם הראשון ביז מלך המשיח (סוכה). זייענדיג אַ חלק פון אייביגקייט איז מען למעלה מן הזמן און מען קען מתקן זיין אין דער אייביגקייט.

אין מענטשן איז שטענדיג דאָ אַ צוזאַמענשטויס צווישן דעם געדאַנק פון שלימות און רצונות. עס איז אַ קאָנטראַסט צווישן זיי, ווייל ווי קען אַ מענטש זיין אַ שלם און דערביי האָבן פאַרלאַנגען, שלימות מיינט דאָך, אַז דער מענטש האָט אַלעס און נויטיגט זיך ניט אין קיין זאַך. ווי אַזוי קען ער האָבן אַ רצון צו עפּעס, בעת רצון מיינט דאָך, אַז די זאַך פעלט אים, אָבער דורך תורה איז דאָס לייכט, זייענדיג אַ חלק פון דער אייביגקייט, פון דער קדושה און נצחיות פון דער תורה, גייט ער פון מדרגה למדרגה צוזאַמען מיט דער תורה, און דאַן האָט מען שלימות פון דער רגע פון יצירה עד בלי סוף, און ווען מען האָט דעם בלי סוף אין זיך, האָט מען שלימות און אַלע פאַרלאַנגען זיינען אַ חלק פון דער גרויסער גאַנצקייט אין מענטשן, דאָס איז קבלת התורה.

רבונו של עולם דו ביזט אומעטום, איך זע דיך אין דער באַוועגונג פון יעדער זאַך, אין דעם גרעזעלע וואָס וואַקסט; ווען דער ווינטעלע בלאָזט און ווען דער טייכעלע שטראָמט, איך זע דיך אין יעדער זאַך אין דער וועלט, ווי שיין און וואונדערלעך איז דיך צו זען אין אַלעס וואָס דו האָסט געשאַפן, נאָר אַט נעם איך דיין תורה און איך פאַרטיף זיך אין איר, דאַן פאַרגעס איך אַלעס אויף דער וועלט, דאַן זע איך קיין זאַך ניט, נאָר איך און דו, דו און איך, און מיר ווערן פאַראייניגט אין די הויכע וועלטן פון קדוושה און טהרה און דאָרטן בין איך זיך מתדבק אין דיר און דאָרטן ווערט פאַר מיר געשאַפן דער גרעסטער תענוג, וואָס אפילו דער תענוג פון עולם הבא קען זיך ניט פאַרגלייכן צו דעם (פרקי אבות). ווייל דער גרעסטער תענוג איז ווען איך בין זיך מתייחד מיט דיר און איך פיל דיך, וכל קרבי פילן דיך, און האָבן דעם תענוג פון פילן, אַז דו האָסט מיך געשאַפן און דו ביזט מיט מיר, און דאָס איז נאָר דורך תורה און מעשים טובים. ווי גוט איז צו זיין אַ מקבל התורה. איך האָב די תורה פון דיר געקראָגן און איך ווער אַליין תורה און איך ווער באַהעפט מיט דיר און שוועב אין די אייביגע וועלטן און זע דיין ליכטיגקייט.

עס איז אַזוי וואונדערלעך צו זיין אַ מקבל התורה. אשרי העם שככה לו, אשרי העם שד׳ אלקיו!

וועלט און תורה

נאָכ׳ן גרויסן וואונדער פון אַרויסנעמען אַ פאָלק פון אַ פאָלק איז געקומען דער גרעסטער וואונדער פון אַלע צייטן. דער רבונו של עולם האָט זיך אַנטפּלעקט צום מענטש און אים געמאַכט דעם הערשער פון אַלע צייטן, דעם הערשער איבער דער וועלט און יענער וועלט, און געמאַכט דעם זמן מתן תורתנו פאַר אַן אייביגקייט. דער מענטש קען ווערן און ווערט אַליין תורה, און שאַפט תורה וואָס דאָס איז אייביגקייט. ער מאַכט יעדער מינוט זמן מתן תורתנו.

תורה מאַכט גרויס דעם מענטש. וואו תורה איז דאָ איז קיין זינד נישטאָ. ביי אַלע קרבנות שטייט אין במדבר „ושעיר אחד לחטאת", אָבער ביי שבועות שטייט נאָר ושעיר עזים אחד לכפר עליכם און נישט לחטאת, ווייל וואו קבלת התורה איז דאָ פאַרשווינדן די זינד. תורה מאַכט דעם מענטש וואָס לערנט איר ריין פון זינד (ירושלמי ר״ה). תורה איז שלימות, קדושה, אצילות, און דער וואָס לערנט תורה ווערט אַליין שלימות. און וואו שלימות איז דאָ קען קיין זינד נישט זיין.

שטייט דער כלל ישראל ביים באַרג סיני. זיי שטייען אונטער׳ן באַרג. ווייל פאַר קבלת התורה קען יעדער באַרג העכער זיין ווי זיי. און דער באַרג קען אַראָפּגעלאָזט ווערן אויף זיי. די וועלט קען נישט עקזיסטירן אָן תורה. דער באַרג קען צופאַלן און טויטן דעם מענטש וואָס איז אָן תורה.

שרעקט זיך די וועלט און ציטערט, אפשר וועלן מענטשן נישט נעמען די תורה און דאַן איז קיין וועלט נישטאָ. נאָך קבלת התורה איז קיין באַרג גאָרנישט. שטייט דער מקבל התורה אויפ׳ן באַרג און דער באַרג איז אַזוי קליין אונטער אים. ווי קליין איז דער באַרג וואָס אויף אים שטייט אַ מקבל התורה!

זיצט אַ איד און לערנט תורה און שאַפט וועלטן פון אייביגקייטן, ווייל דער שכל אלקי וואָס דער מענטש נוצט ביים לערנען תורה איז אַן אייביג־

קייט, און דער מענטש וואָס לערנט תורה טוט זיך אויס פון דער וואָכע־דיגקייט און ער שוועבט אין די וועלטן פון נצח. דאָרט׳ן פילט ער די ליכטיגקייט און גרויסקייט פון רבונו של עולם. ס׳ווערט פאַרגעסן די טעג־ליכקייט און אַלע קליינינקייטן און קיין זאַך אין דער וועלט קען זיך נישט פאַרגלייכן צו אים. ער פילט, אַז ער איז מדובק בהשם און פילט די גרויס־קייט פון בורא און די גאַנצע יצירה שטייט אונטער אים און ער שטייט איבער זיי אַלעמען, און נאָר דער רבונו של עולם איז איבער אים.

עס איז אַזוי וואונדערליך צו זיין אַ מקבל התורה און ווערן תורה און פילן אַז די תורה איז מיין אייגענע, וואָס איך בין דאָס מקבל מפי הקב״ה. קען נאָך זיין אַ גרעסערע זאַך ווי קבלת התורה, און אַ גרעסערע צייט ווי דער זמן קבלת התורה?

די באגריפן טרויערן און פרייד

די באַגריפן שמחה און טרויער אין יהדות.
די נבואה פון „חזון" און „נחמו".
דער „בית המקדש" אין האַרצן פון יעדן איד.
בין־המצרים געדאַנקען.

ר' יוסף אלבו, אין זיין באַוואוסטן ספר „העקרים", ברענגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז זינט אדם הראשון האָט געגעסן פון עץ הדעת איז יעדע שמחה (אויסער אַ שמחה של מצוה) געמישט מיט טרויער. מענטשן קומען פון אַ שמחה פילן זיי פלוצלונג אַן אומעטקייט, ווייל קיין אמת'ע שמחה קען ניט זיין אָן שלימות. ערגעץ־וואו פעלט עפּעס אויס, און זינט דעם חטא פון אדם הראשון איז ניט צו טרעפן קיין מענטשן וואָס זיינען פול מיט שלימות. דאָס זעלבע דער טרויער פון מענטשן איז געמישט מיט אַ געפיל, אַז דאָס איז ניט קיין אייביגקייט און ווען דער מענטש ווײנט זיך דורך ווערט עפּעס לייכטער אויפן האַרצן.

בין המצרים איז די צייט פון טרויער און דערמאָנונג פון חורבן בית המקדש, אָבער דערביי פילן מיר, אַז דורך אונזער טרויערן אויפן חורבן בויט זיך אַ נייער בית המקדש. „כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה", יזכה לא נאמר אלא זוכה. דער מענטש מיט זיין טרויערן זעט שוין ווי ירושלים של מעלה בויט זיך אויף. ווי וואונדערלעך האָט רבי עקיבא געענטפערט, צו די תנאים וואָס האָבן אים געפרעגט ווי ער קען לאַכן ווען ער זעט דעם חורבן ירושלים. ר' עקיבא האָט דערויף געענטפערט, אַז דער זעלבער נביא וואָס האָט געזאָגט „חזון" האָט אויך געזאָגט „נחמו" און אויב דער „חזון" איז מקוים געוואָרן וועט דער „נחמו" אויך מקוים ווערן. אין חזון, וואָס איז מקויים געוואָרן, האָט רבי עקיבא שוין געזען דעם נחמו ווי ער ווערט מקוים.

אויף דעם „מזמור לאסף אלקים באו גוים בנחלתך" פרעגן די חז"ל, וואס איז דאס פאר א מזמור? האט דאך געדארפט שטיין „קינה לאסף"? און די חז"ל ענטפערן, אז דעריבער שטייט מזמור לאסף, ששפך חמתו על העצים ועל האבנים. דער אויבערשטער האט זיין כעס אויסגעגאסן אויף די שטיינער און העלצער און ניט אויף זיין פאלק ישראל, ווייל ווי לאנג עס זיינען דא אידן וועלן זיי נעמען אנדערע שטיינער און מאכן א נייעם בית המקדש.

גרויס און הייליג זיינען די שטיינער פון בית המקדש. אבער ווי לאנג אידן זיינען דא וועלן זיי אויפבויען א נייעם בית השם, ווייל די קדושה איז איבערגעגעבן געווארן צו זיי. זיי זיינען מקדש דעם בית המקדש און זיי זיינען מקדש די עזרה און די שטיינער. דער בית המקדש, האט ג-ט געזאגט, געפינט זיך אין יעדן אידנ'ס הארץ „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, — בתוך כל אחד ואחד", יעדער איד ווערט א בית המקדש אויב ער ווייסט ווי עס הייליג צו האלטן, און ר' חיים וואלאזשינער וויל נאך זאגן אז יעדער איד אויב ער איז פוגם אין זיין הארץ איז נאך מערער ווי א חורבן בית המקדש. יעדער איד פארמאגט די גרויסקייט פון ווערן א בית המקדש און אפילו די גרויסקייט פון ווערן א ספר תורה. „זה ספר תולדות אדם" פארטייטשט דער רמב"ן „זה ספר" דאס איז א ספר תורה תולדות האדם, ווערט א איד א ספר תורה און זיין הארץ ווערט א פלאץ וואו עס רוט די שכינה.

גרויס איז געווען דער בית המקדש. קדושה האט זיך געפילט אויף יעדן שריט. וואונדערבארע נסים זיינען דארטן פארגעקומען (עשרה נסים). יעדער שטיינדל האט פארמאגט קדושה, און די כהני השם האבן געטאן די עבודה און מכפר געווען על בני ישראל און די קדושה האט זיך פון דארטן אויסגעשפרייט אויף דער גאנצער וועלט. האבן אידן דורך טויזנטער יארן געפילט דעם חורבן בית המקדש, זיינען ימים טרערן פארגאסן געווארן דורך דער צייט, איז ניט געווען קיין מינוט אין לעבן פון אידן ער זאל ניט דערמאנען דעם חורבן. א איד האט ניט געקענט לאכן בעולם הזה, ניטגעטארט זינגען מיט א פול מויל, ווייל ווי קען מען דאס אלץ טאן ווען

דער בית המקדש איז חרוב. דאָך אָבער האָט אַ איד געפילט, אַז דער בית השם בויט זיך כסדר.

כאַראַקטעריסטיש איז דער מאמר חז״ל פאַרוואָס עס שטייט די פרשה לקט און פאה צווישן די ימים טובים פון פסח און שבועות אויף איין זייט. „ובקצרכם קציר ארצכם לא תכלה פאת שדך״ (ויקרא, אמור) און דערנאָך די ימים טובים פון ראש השנה און סוכות. זאָגען די חז״ל, אַז דער איד וואָס איז אָפּגעהיט אין לקט, שכחה און פאה איז ווי ער וואָלט אויפגעבויט דעם בית המקדש און געאַרבעט אויף אים אַלע קרבנות. זעט מען דערפון, אַז די חז״ל ווילן געבן א אידן וואָס איז מקים די מצווה פון צדקה ווי ער וואָלט אַליין אויפגעשטעלט דעם בית המקדש, דעם כוח, אַז אַ איד זייענדיג אין גלות, פאַרפאָלגט און צעבראָכן, קען דאָך איבערלעבן די גרויסקייט פון אויפשטעלן אַ בית המקדש און ברענגען אַלע קרבנות און זיך גלייכן צו די כהנים בעבודתם. אָט די גרויסקייט האָט דעם אידן אויפגעהאַלטן און געשטאַרקט.

דער בית השם איז די פנימיות פון דער אידישער נשמה און דער חורבן בית המקדש איז אַ חורבן אין דער פנימיות של איש הישראלי. אָבער דאָך קען אַ איד זיך שטאַרקן און טיף אין זיין האַרצן פילן אַ בית המקדש און דאָרטן אויפבויען זיין פנימיות, ווי דער בית המקדש וואָלט געשטאַנען. דאָס איז די גרויסקייט פון אַ איד.

די דריי וואָכן זיינען די טעג פון טרויער. אָבער ווען מיר דערמאָנען זיך אין דער גרויסקייט פון אַ איד ווערט אַביסל לייכטער און מיר האָפן אויף דעם גרויסן טאָג ווען דער כבוד השם וועט צוריקקומען צו דער וועלט און אַ בית המקדש וועט אויפגעבויט ווערן. דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן זיין הבטחה כי „אני השם באש הצתיה ובאש אני עתיד לבנותה״. דער נייער בית השם וועט זיין פאַר אייביג און כבוד השם וועט אָנפילן די גאַנצע וועלט, און גרויס וועט זיין דער מענטש, ווייל ער וועט אויך אין נייעם בית המקדש זיין דער פלאַץ וואו די שכינה וועט רוען, און נאָר צוליב דעם מענטשן וועט דער כבוד השם זיין אין בית המקדש.

די אייביגע ירושלים

(תשעה־באב־געדאַנקען)

אַלט און שיין איז ירושלים. נאָך נח'ס זון, שם, האָט שוין געקיניגט אין איר און גערופן די שטאָט „שלום", די שטאָט פון אייביגן פרידן. אונזער פאָטער אַברהם, ביי דער עקידת יצחק, זעט אין ירושלים דעם פּלאַץ פאַר'ן בית־המקדש און רופט די שטאָט „יראה". ביידע נעמען ווערן פאַרווירקליכט, און ירושלים ווערט אויף דעם וואונדערליכן פּלאַץ אַנטוויקלט און ווערט די שטאָט וואָס די וועלט באַוואונדערט. ווערן די קינדער אין ירושלים קלוג — גייט זייער נאָמען און קלוגשאַפט איבער דער וועלט; קען קיין צענטער זיך ניט פאַרמעסטן מיט ירושלים. דאָס איז די שטאָט פון צדק און יושר. זיצן קעניגן פון בית דוד און פאָלגן נאָך ג־ט'ס וואָרט, און די שטאָט ווערט אַ שטאָט פון ג־ט און דער בית־המקדש דער פּלאַץ פון דער וועלט. קען די שטאָט אויפנעמען טויזנטער און הונדערטער טויזנטער אורחים, קיינמאָל ווערט ניט ענג אין דער שטאָט, קיין טומאה געפינט זיך ניט אין איר, קענען אפילו די אויסערליכע ווענט פון ירושלים ניט אָנרירן קיין חזיר (בבא קמא). איז די קדושה אין אַלע ווינקלאַך, שטייען די כהני השם ביי דער עבודה און די לויים זינגען שירי השם, און די בני ישראל בעמדם פילן אָן די גאַסן פון ירושלים. עסן אידן דאָרטן מעשר שני — ווערט מען תורה'דיק, האָט מען מורא פאַר'ן רבונו של עולם. איז עס די שטאָט פון יראת השם.

האָבן אָבער מענטשן געזינדיגט, האָט מען די עיר הקודש פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָט ווי אַלע שטעט; האָט מען די נביאים ניט געלאָזן זאָגן קיין נביאות; זיינען די כהנים איינזאַם; איז דער בית המקדש פאַרלאָזן; זוכן מענטשן אַנדערע פּלעצער; גייט מען אַוועק פון תורה.

קומט דער שונא צו ירושלים, באַלאַגערט די שטאָט און ברעכט דורך אירע טויערן. שטאַרק איז די מלחמה. מען קעמפט פון גאַס צו גאַס, הויז צו הויז. די מסרות נפש פון די אידן פאַר ירושלים איז איבער זייערע כוחות.

עס וועט אָבער קומען די צייט און מיט שליסלען פון הימל וועט צוריק אויפגעשלאָסן ווערן די טויערן פון דעם בית־המקדש און אַ נייער בית־המקדש של אש, פון פייער, וועט אַראָפּקומען פון הימל. אַן אייביגער בית־המקדש, וואָס זיין ליכט וועט זיך אויסשפּרייטן פון איין עק וועלט ביז׳ן צווייטן, און ער וועט שטיין פאַר אייביג.

●

טויזנטער יאָרן זיינען אַריבער פון זינט דעם חורבן. ירושלים איז געוואָרן אַ חלק פון יעדן. ציטערט די אידישע האַרץ אַלע מאָל ביים דאַוונען ווען ער דערמאָנט ירושלים און ירושלים איז געוואָרן אַ חלק פון זיין לעבן, פון זיין שטרעבן, פון זיין חלום.

געווען איז דאָס אין יאָר תש״ח, ווען די אַראַבער זיינען באַפאַלן ירושלים און געוואָלט איר פאַרניכטן. האָבן אידישע יונגעלייט פון כפר עציון און אַנדערע פלעצער זיך אַנגעטאָן מיט דינאַמיט און זיך געשטעלט געגן שונא, ווויסנדיג אַז זיי גיבן אַוועק זייער לעבן פאַר ירושלים. זיי זיינען געווען אַליין אויפן וועג קיין חברון־ירושלים ביים פאַרטיידיגן זייער עיר הקודש מיט זייערע לעבנס.

●

ווערט ירושלים אַ גרויסער צענטער אין מיטל־מזרח און די שטאָט פון ישיבות און תורה.

דערציילן די חז״ל, אַז דער אויבערשטער זאָגט: יעקב טרויערט אויף יוסף׳ן, די שבטים זיינען פאַרנומען, ראובן זיצט און פאַסט, און איך וועל שאַפן דעם משיח. און דער רבונו של עולם האָט צוגעזאָגט: דער בית־המקדש איז דורך מיר פאַרברענט געוואָרן און איך וועל אים צוריק אויפבויען, ברענגען משיח׳ן, ימות המשיח וועלן קומען און ירושלים וועט ווערן די ליכט פון דער וועלט און אַלע וועלן זאָגן: לאָמיר אויפגיין צו ירושלים, צום הויז פון ג־ט.

ווי וואונדערפול ס׳איז צו האָבן אַ שטאָט ווי ירושלים, און ווי גוט ס׳איז צו פילן אַז דאָרטן איז די שטאָט פון קדושה, די שטאָט פון דער וועלט, פון וואַנען צדק און יושר ווערט געלערנט.

בין המצרים

עס הייבט זיך אָן מיט שבירת הלוחות, און גייט ביז חורבן בית ראשון, בית שני, ביתר און נאָך און נאָך. דער כלל־ישראל האָט געליטן דורך די גלות׳ן בלי גבול. עס ציטערן אויף אַלע גלידער צו דערמאָנען זיך וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, מיר זיינען ווייט, ווייט אַוועק פון יענער מינוט ווען מיר זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני און געהערט דעם דבר השם. מיר שטעלן זיך שטענדיג אָפּ אויף די אַלע צרות ויסורים וואָס מיר האָבן געליטן און מיר ווייסן, אַז נאָר די חסדי השם האָבן אונז אויפגעהאַלטן דורך די שרעקלעכע צייט פון גלות. און אַ דאַנק די תורה וקיום המצוות עקזיסטירן מיר. מיר שטעלן זיך אָפּ זייער פיל אויף חורבן, אויף דעם גלות, אָבער זייער ווייניג אויף די שבירת הלוחות. אָבער ווען מיר טראַכטן זיך אַריין אַביסל טיפער אין דעריך, זעען מיר, אַז די שבירת הלוחות איז דער גרעסטער גורם אין אונזערע יסורים.

עס שטייט דער כלל־ישראל ביים באַרג סיני און הערט דעם דבר השם, נפשו יצאה בדברו, יעדער איד ווערט ווי אדם הראשון קודם החטא, פריי פון יסורים, פריי פון מלאך המות פריי פון אַלע קליינינקייטן פון דער וועלט. ער ווערט דורך הערן דעם וואָרט פון רבונו של עולם דער מענטש, וואָס מלאכים האָבן געוואָלט פאַר אים שירה זאָגן. ער ווערט מתדבק בהקדוש ברוך הוא און דאַרף זיך ניט באַהאַלטן, ווען ער הערט דעם רבונו של עולם רעדן. ער קוקט אַרויף צום הימל און צו די מלאכים און זעט כל הבריאה כולה און קומט צו צום אין עוד מלבדו, די וואונדערלעכע אמונה בהשם. דער גאַנצער כלל־ישראל ווערט איין מענטש, ווייל וואו אמונה איז דאָ, איז קיין קנאה ניטאָ און דער כלל־ישראל איז אין הימל דאָ לעבדיגערהייט, וירד השם על הר סיני, דער רבונו של עולם אַליין איז אַראָפּ צום מענטשן און האָט דאָרטן זיין הימל געמאַכט און דער מענטש איז שלם בתכלית השלימות ווי אדם הראשון יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא קודם החטא.

ווי גרויס און וואונדערפול זיינען דאַן די בני ישראל געוואָרן ביים מעמד הר סיני.

פערציג טעג זיינען אַוועק, און דער מענטש איז אַנדערש געוואָרן, ער זינדיגט מיט מאַכן אַ גאָלדן קאַלב, מעג די זינד קיין זינד ניט זיין, מעג דאָס זיין אַז מען האָט געוואָלט לערנען הלכות תשובה בחטא דרבים (ע״ז דף ג) אָבער אויב מען האָט צו טאָן מיט ערדישע זאַכן, אויב מען דאַרף האָבן פירער וואָס „זאָלן גיין פאַר זיי״, איז מען אַראָפּ פון דער מדרגה פון אדם הראשון קודם החטא, און מען ווערט צוריק אַ חלק פון דער ערד און מען דאַרף אַנהייבן פון דאָס ניי. אַפילו ווען מען האָט שפּעטער געטאָן און מקבל געווען אויף זיך מיתה און אַלע יסורים. אָבער צו דער אַלטער מדרגה איז מען שוין ניט צוגעקומען און פון דאַן הייבט זיך אָן די ירידה פון מענטשן, און משה רבנו זעט דאָס און ער צוברעכט די לוחות.

זיינען די צווייטע לוחות אויך געשריבן ביי הקדוש ברוך הוא און די ערשטע לוחות גייען מיט צובראָכענערהייט מיט דעם כלל־ישראל, אָבער עס פעלט אין די לוחות שניות, דאָס וואָס די לוחות זיינען אויסגעהאַקט פון משה רבנו און ניט פון רבונו של עולם. יאָ, די שריפט איז די זעלבע, אָבער דער מקבל הלוחות איז שוין אַנדערש געוואָרן, ער איז אַראָפּ פון זיין מדרגה און ער קען ניט זיין מיט די אויסגעהאַקטע לוחות של הקדוש ברוך הוא. און מחלוקת׳ן ברעכן אויס און עס קומט שנאת חנם, ווייל עס פעלט דער אחדות פון מעמד הר סיני, די גרויסקייט פון מלאכי השרת. דער נעשה ונשמע פון באַרג סיני ווערט שוואַכער, און דער יצר הרע ווערט גרעסער, און צייטן גייען אַוועק ללא תורה וללא חכמה ביז מיר קומען אין ביטערן גלות, וועלכער איז אַ פועל יוצא פון אַט די זינד און שבירת הלוחות.

ווען עס קומען די דריי וואָכן זיינען מיר איינגעהילט אין טיפן טרויער. מיר טרויערן בעיקר אויפן חורבן. אָבער זייער ווייניג פון אונז פאַרשטייען ווי צו טרויערן אויף דער ערשטער סיבה פון חורבן. בו נשתברו הלוחות. ווען מר וועלן זיך אָבער אויפהייבן פון אונזערע קליינינקייטן און וועלן צוקומען צו דער מדרגה פון טרויערן דערויף וואָס מיר האָבן דאַן פאַר־לוירן דעם גן־עדן, וואָס מר האָבן פאַרלוירן דעם חפשי ממלאך המות

ומיסורים און מיר וועלן בענקען צו דער מינוט צו זיין ווי אדם הראשון קודם החטא, וואָס דאָס איז אונזער צוועק אויף דער וועלט, דאַן וועט דאָס זיין אַ תשובה אויפן אָנפאַנג פון אונזער דורכפאַל. דאַן וועלן מיר קענען צוקומען צו שלימות, צו ימות המשיח, וואָס ער וועט אונז ווייטער ברענגען צו דער מדרגה פון אדם הראשון און מיר וועלן האָבן דעם תענוג הכי יותר גדול שבעולם להתענג על השם בכל גדולתו און שטייגן פון איין מדרגה צו דער צווייטער.

די דריי וואָכן מיט תשעה באב לערנען אונז, אַז אין מיתה בלי חטא ואין יסורים בלי עון. און מיר מוזן שטרעבן אויסצוראָטן חטאים פון דער וועלט. דאַן וועט קומען דער בית המקדש של מעלה געשאַפן פון רבונו של עולם אַליין און דער כבוד ישראל וועט זיין גרויס ווייל ישראל וועט אַנערקענען די גרויסקייט פון כבוד השם.

חורבן איז שרעקלעך. אָבער דער גרעסטער חורבן איז, ווען מ׳זינדיגט (נפש החיים). דאַן ברעכט צוזאַמען דער יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא, און די לערע פון חורבן בית המקדש דאַרף זיין אויפצוהאַלטן דעם אייגענעם בית המקדש, דעם ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד. דאָס וועט ברענגען אחדות און בנין בית המקדש על ידי הקדוש ברוך הוא, אַ בית המקדש פאַר נצח נצחים און דער מענטש, בחיר היצורים, וועט גיין מחיל אל חיל.

דער מיין פון תשעה באב

עס איז פֿאַראַן אַ מחלוקת הפוסקים וועגן תפילין אום תשעה־באב, צי תשעה באב איז אבלות ישנה (כתובות דף ס״ב) אָדער תשעה באב איז כמי שמתו מוטל לפניו (תענית ל׳).

ווער עס געדענקט תשעה באב אין דער אַלטער היים, אָדער ווער ס׳איז אַמאָל געווען ביים כותל־מערבי, וואו עס זיינען געזעסן די תימנ׳ער חכמים מיט די אשכנזישע רבנים און פֿאַר אַ גאַנצן מעת לעת געוויינט אָן אויפֿהער אויפֿ׳ן חורבן, דער ווייסט, אַז דער חורבן מיינט ווי זיי אַליין מאַכן דורך די גרעסטע אבלות אין דער וועלט.

עס איז לייכט צו פֿאַרשטיין דעם עם השם וואָס האָט דורכגעמאַכט פֿאַר צוויי טויזנט יאָר די גרעסטע רדיפֿות, וואָס וואָלט היינט־צו־טאָג געווען ביי הונדערט צוואַנציג מיליאָן ווען נישט די רדיפֿות און פּאָגראָמען; עס איז לייכט צו פֿאַרשטיין דעם חורבן ארץ־ישראל, די ארץ־הקדושה, וואָס איז געווען וויסט פֿאַר די גאַנצע צייט. אָבער חורבן בית המקדש, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חורבן? וואָס מיינט צו זיין אָן אַ בית המקדש? וואָס האָט דער בית המקדש געמיינט פֿאַר׳ן כלל ישראל?

עס איז כאַראַקטעריסטיש דער באַגריף, וואָס די אומות העולם האָבן וועגן אַ געבעט־הויז. פֿון וואַנען, פֿרעגן זיי, איז געקומען צום מענטשן צו מאַכן אַ באַזונדער הויז פֿאַר אַ מקום תפילה? מיר וועלן דאָ געבן צוויי באַזונדערע ענטפֿערס פֿון צוויי באַזונדערע וועלט־אַנשויאונגען, איינער איז פֿון פֿרידריך ניטשע. ער זאָגט: „ווייל דער מענטש איז פֿול מיט זינד און ער וואַגט נישט און קען נישט קוקן צו דער ליכטיגקייט און צו ג־ט; ער פֿילט זיך צו קליין צו בעטן ביי ג־ט ווען ער איז פֿול מיט אָפּנאַרעריי; האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ דאַך, אַ מחיצה צווישן אים און ג־ט, כדי דאָרטן זאָל ער נישט באַדאַרפֿן גלייך אַרויפֿקוקן צום באַשעפֿער, נאָר צו דער מחיצה״. די צווייטע מיינונג איז פֿון גרויסן אינדישן פּאָעט ראַבינדראַנאַט

טאַגאָרע. ער זאָגט: „רבונו של עולם! איך ווייס דו ביסט אומעטום. איך טרעף דיר ביים וואַסער, ביים גרעזעלע, און דאָרטן אין פעלד און וואַלד פאַרנעמסטו אויך מיין געבעט. דו ביסט שטענדיג מיט מיר. אָבער ס׳איז פאַראַן אַ צייט, ווען איך וויל נישט אַז קיינער זאָל זיין מיט מיר ווען איך וויל רעדן צו דיר. איך וויל נישט דאַן געשטערט ווערן, אַנטלויף איך פון דער וועלט און קום אין דעם הויז וואָס איך האָב ספּעציעל געבויט פאַר דיר, און דאָרטן בין איך זיך מתייחד מיט דיר, און ווי גוט איז צו זיין נאָר מיט דיר״.

עס איז אַ גרויסער מהלך צווישן די ביידע מיינונגען, אָבער ביידע זיינען ווייט פון יהדות־שטאַנדפּונקט.

דער אידישער באַגריף איז, אַז צו בויען אַ בית השם מוז אויף דעם זיין אַ צווי השם. דאָס צו בויען איז ביים בית המקדש איז די הלכה אַ מצוה: ועשו לי מקדש, און אויך (רמב״ם הלכות מלכים פרק א׳, הלכה א׳) שלש מצוות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ ישראל, און איינע פון זיי איז לבנות בית הבחירה. ווייל אַליין צו בויען, אָן אַ צווי השם, קען חס ושלום ווערן אַן עגל דערפון (רמב״ן פרשה כי תשא). ווייל גרויס איז דער משכן אָדער דער בית המקדש ווען הקדוש ברוך הוא איז מצווה דאָס צו טאָן. דער רבונו של עולם, וואָס האָט געשאַפן די וועלט כדי לעשות לו דירה בתחתונים און האָט אין דעם מענטשן כולל געווען כל הכחות שבעולם, פון דעם קלענסטן ווערימל עד שמי שמים (נפש החיים לר׳ חיים וואָלאָזשינער) און האָט געשאַפן דעם מענטשן כדי ער זאָל פאַראייניגט ווערן מיט הקדוש ברוך הוא און דאָס איז דער צוועק פון דער יצירה. למה נקרא אבן שתי׳ (יומא נ״ד), ווייל אויב די וועלט דאַרף געשאַפן ווערן כדי לעשות לו דירה בתחתונים דאַרף זי זיך אָנהויבן פון דעם פּלאַץ וואו אַ בית המקדש וועט געבויט ווערן און די שכינה וועט דאָרטן רוען און דער פּלאַץ וועט זיין דער הייליג־סטער אין דער וועלט, פון די עשר קדושות (כלים פרק א׳, משנה ו׳) פה אשב כי אויתיה. אַנדערש איז געווען דער פּלאַץ פון בית המקדש. אַ פליג איז דאָרטן אַנדערש, אַ רויך גייט דאָרטן אַנדערש (אבות פרק ה׳, משנה ז׳), און דער מענטש וואָס קומט צו צום בית המקדש ווערט אאַנדערש. ער

ווערט נתקדש ונתעלה ביז שלמות, ווייל דער בית המקדש מאַכט פון מענטשן שלמות.

און נאָך מער ווי דאָס. משה רבנו, וואָס אויף אים זאָגט די תורה: בכל ביתי נאמן הוא וויל אַריינגיין אין ארץ־ישראל צו זען דעם בית המקדש, וואָס ער רופט אָן לבנון און די חז״ל זאָגן (יומא ל״ט): למה נקרא שמו לבנון שמלבין עונותיהם של ישראל, ער מאַכט פון אַן עבירה אויס עבירה. ווי קען פון אַן עבירה ווערן אויס עבירה? משה רבנו וויל דאָס זען. דאָס קען מען נישט זען אין בכל ביתי. דאָס איז נאָר אין בית המקדש.

דער „מסילת ישרים״ פרעגט: ווי איז דאָס צו פאַרשטיין אַז פון אַן עבירה זאָל דורך תשובה קענען ווערן אויס עבירה? ווי קען מען משנה זיין די מציאות. דער מענטש האָט דאָך געגעסן טריפה וכדומה?

נאָר דורך דעם בית המקדש איז דאָס אַזוי לייכט, ווי דער „תומר דבורה״ פאַרטייטשט: „אם רחץ ד׳ את צואת בנות ציון״, דער בית המקדש וואַשט אויס די עבירה און דורך אַ קרבן אָדער תשובה ווערט מען כקטן שנולד דמי.

גייט אַרום אַ מענטש צעבראָכן, פול מיט זינד, פאַרזונקען אין אָפּגרונט און דאָ קומט ער צו צום בית המקדש, עס איז דער בית ד׳, און אַלעס ווערט אַזוי לייכט און פאַרגעבן.

דער בית המקדש איז געווען דער צענטער פון כלל ישראל. פון דאַנען איז דער דבר השם פאַרשפרייט געוואָרן בכל העולם, און אַרום אים האָט זיך גרופירט דער כלל ישראל.

חורבן בית המקדש מיינט דעריבער דער חורבן פון הייליגסטן פלאַץ, פון מקום וואו די שכינה איז געווען. און ווער עס פילט דעם ווייטאָג פון חורבן פילט קדושה אין אים. ווען עס פעלט אַ בית המקדש איז אַ באַווייז אַז דער בית המקדש איז אין זיין האַרצן (ושכנתי בתוכם) און ער וועט זוכה זיין צו זען דעם בית המקדש בבנינו.

דערציילן די חז״ל אין בבא קמא (דף ס׳), אַז דער רבונו של עולם וועט אַליין אויפבויען דעם נייעם בית המקדש פון פייער און דער נייער בית המקדש וועט זיין דער כבוד פון דער וועלט וואו ס׳וועט זיך זען דער כבוד השם.

די הייליקייט פון ירושלים

געדאַנקען וועגן שבת חזון

שפּרייט זיך אויס ירושלים און ווערט אַ גרויסער צענטער אין מיטעלן מזרח דאָס איז אונזער שטאָט — די שטאָט פון קדושה; רינגלען בערג אַרום ירושלים און רינגלט ג־ט אַרום זיין פאָלק אין הייליגער שטאָט.

די שטאָט איז אַלט און שיין. נאָך אין דער צייט פון שם, דער זון פון נח, האָט שוין די שטאָט עקזיסטירט. געהייסן האָט זי שלום — די שטאָט פון פרידן. אונזער פאָטער אַברהם, אין די העכסטע מינוטן פון עקסטאַז ביי עקידת יצחק, זעט, ווי די אגדה דערציילט, אין דער שטאָט דעם פּלאַץ פאַר אַ בית המקדש און ער רופט די שטאָט מיט דעם נאָמען יראה — עס וועט געזען ווערן איר גרויסקייט.

די מעגנשן פון יענער צייט האָבן דורך ארץ פאַרביידע נעמען — שלום און יראה — און זיי פאַרבינדן ביידע נעמען אין איין נאָמען — און די שטאָט ווערט גערופן ירושלים.

אַנטוויקלט זיך ירושלים און ווערט די שטאָט, צו וועלכער די וועלט קוקט אַרויף, — די שטאָט פון צדק און יושר; זיצן דאָרטן קעניגן פון בית דוד און פאָלגן די רייד פון דער תורה, קומען אידן עולי רגל זיין אויף יעדן יום־טוב און ברענגען די מעשרות צו עסן אין ירושלים. די שטאָט איז גרייט אַלעמען אויפצונעמען.

צייטענוויַיז, דורך דער צייט פון בית שני, זיינען געווען מער ווי צוויי מיליאָן אידן אין ירושלים. פּלאַץ איז דאָ געווען פאַר אַלעמען. קיין מאָל איז נישט ענג געווען אין דער וואונדערליכער שטאָט.

קען די שטאָט נישט פאַרטראָגן קיין אומריינע זאַכן. אפילו אירע אויסער־ליכע ווענט קענען פאַרטראָגן דעם אַנריר פון אַ חזיר (בבא קמא). די קדושה איז אין אַלע ווינקלעך. שטייען די כהנים ביי דער עבודה און לוים זינגען שירי השם און די בני ישראל פילן אָן די גאַסן פון ירושלים, עסט מען דאָרטן מעשר שני און מען לערנט פון די כהנים תורה און קדושה, און זי ווערט

דאָס שטאָט פון יראת שמים. איר נאָמען גייט איבער דער וועלט. אירע קינדער ווערן באַרימט פאַר זייער חכמה. ווי גוט איז צו האָבן אַזאַ שטאָט ווי די הייליגע און ריינע ירושלים! ווי גליקלעך איז דאָס פאָלק וואָס פאַרמאָגט אַזאַ שטאָט. „אשרי העם שככה לו — אשרי העם שהם אלקיו“.

•

זיינען נייע מענטשן געקומען אין ירושלים און געוואָלט זי פאַרוואַנדלען אין אַ שטאָט ווי אַלע שטעט. מען האָט די נביאים נישט געלאָזט זאָגן קיין נביאות, און די כהנים זיינען געוועזן איינזאַם. שטייט דער בית המקדש, דאָס אָרט פון העכסטער אָנפּלעקונג, פון דער שכינה אַליין, און די כהנים זיינען טרויעריג. דער פיינט דערנענטערט זיך צו דער שטאָט. די רוימישע לעגיאָנערן אַטאַקירן די שטאָט. די אידן זיינען מוטיג אין קאַמף קעגן דער שטאַרקסטער אימפּעריע פון דער וועלט. אַ ביטערער קאַמף גייט אָן. די אידן פאַרטיידיקן ירושלים מיט דער גרעסטער מסירת נפש, הויז צו הויז, צימער ביי צימער. באַוואונדערן די גוים דעם כח פון פאָלק ישראל, שטייען די כהנים ביי דעם בית המקדש און וויינען און בעטן: „ג־ט, האָב רחמנות אויף דיין פאָלק און גיב ניט דיין פאָלק צו שאַנד און שפּאָט“. אָבער עס איז שוין צו־שפּעט.

דער פיינט באַזיגט די קינדער פון ישראל. די כהנים וואַרפן די שליסלען צום הימל און זאָגן: ”ג־ט, נעם צו די שליסלען, דו וועסט זיי האַלטן. דו ביזט דער אויפזעער אויף דיין הייליגער שטאָט און אויף דיין בית המקדש, דו וועסט צוריק אויפבויען דיין ירושלים“. מיינט דער פיינט, אַז ער האָט אַלץ פאַרניכטעט, נאָר ער ווייס נישט, אַז אייביגקייט קען מען ניט אומ־ברענגען. אייביג איז דער בית המקדש און אייביג איז ירושלים. אַ צייט וועט קומען און ירושלים וועט צוריק אויפגעבויט ווערן — אַ אידישע ירושלים.

•

טויזנטער יאָרן זיינען פון דאַן אַוועק. ירושלים איז געוואָרן אַ חלק פון יעדן אידנ׳ס האַרץ און נשמה. מאַכט אַ איד אַ שמחה, דערמאָנט ער ירושלים. בויט ער אַ הויז, לאָזט ער אַ שטיקל וואַנט נישט געפּאַרבט צו דערמאָנען ירושלים. וויינען אידן אויפ׳ן חורבן בית המקדש. ווערט ירושלים דערמאָנט

יעדע מינוט פון לעבן. איז ירושלים דער חלום פון יעדן איד — אַ טייל פון זיין לעבן.

זיינען אַראַבער באַפאַלן די הייליגע שטאָט און געוואָלט זי פאַרניכטן. שטייען אידישע יונגעלייט איינער־אַליין אויף די בערג צווישן חברון און ירושלים און פאַרטיידיקן די הייליג שטאָט. זיי גיבן אַוועק זייער לעבן, וויסנדיג, אַז זיי גייען אומקומען, אָבער זיי ווייסן, אַז די הייליגע ירושלים ווערט געראַטעוועט מיט זייער לעבן. שטייען זיי אין מיטן פון וועג און מיט ג־ט׳ס הילף איז ירושלים פאַרבליבן אין די אידישע הענט.

ירושלים ווערט גרויס. ישיבות בויען זיך אין ירושלים און טויזנטער אידן פון דער גאַנצער וועלט קומען צו זייער היים, צו זייער ירושלים. געפינען די הייליגע פלעצער פון בית המקדש אין די הענט פון די אַראַבער, טוט ווי דאָס האַרץ. אַזוי נאָענט זיינען מיר פון מקום המקדש און דאָך קוקט דאָס אויס אַזוי ווייט. קומען וועט אָבער דער גרויסער טאָג, דער טאָג פון ירושלים, און גרויס וועט דאַן זיין די פרייד פון אַלע אידן.

זיינען אין דער צייט פון דעם אַראַבישן איבערפאַל, ווען באָמבעס זיינען געפאַלן אויף ירושלים, געגאַנגען אידישע קינדערלעך צו זייערע ישיבות ווי יעדן טאָג. און ווען מען האָט זיי געפרעגט פאַרוואָס האָבן זיי נישט קיין מורא צו גיין אין אַזאַ צייט, האָבן זיי געענטפערט: „קיין שונא וועט נישט דעראָבערן ירושלים אַזוי לאַנג אידישע קינדער לערנען תורה, און מיר וועלן נישט אויפהערן צו לערנען אַפילו קיין איין מינוט״.

ג־ט האָט צוגעזאָגט: איך וועל צוריק אויפבויען ירושלים. דער בית המקדש וועט צוריק אויפגעבויט ווערן. משיח וועט קומען — און ירושלים וועט זיין דער פּלאַץ, וואו די וועלט וועט פון איין ברעג צום צווייטן אויס־שרייען: „לאָמיר גיין קיין ירושלים צום הויז פון ג־ט!״ דאָס איז ירושלים, די שטאָט, פון וואַנען צדק און יושר ווערט געלערנט צו דער וועלט.

שלימות היצירה

(ימים נוראים געדאַנקען)

זה היום תחלת מעשיך:

דאָס איז דער טאָג פון אָנפאַנג פון דיינע מעשים. פאַר דעם טאָג איז געווען דער בורא אַליין אָן קיין נברא, און דער בורא איז אָן אַן אָנפאַנג ווײַלע יעדע זאַך וואָס האָט אַן אָנפאַנג האָט אַמאָל ניט עקזיסטירט, נאָר איז געקומען אין באַשטימטער צייט, אָבער דער בורא איז אייביק געווען, אויך האָט דער בורא ניט פאַרנומען קיין רוים (פלאַץ) ווייל יעדער זאַך וואָס פאַרנעמט רוים מוז האָבן אַן אָנפאַנג, פון וואַנען ביז וואַנען, און מוז זיין באַגרעניצט. אָבער דער בורא פאַרנעמט ניט קיין פלאַץ און מען קען אים ניט באַגרעניצן מיט צייט און פלאַץ, ווייל ביז בראשית האָט ניט עקזיסטירט קיין צייט און פלאַץ, רוים און זמן זיינען געקומען נאָך דער יצירה. דער רבונו של עולם איז געווען שלם בתכלית השלימות פאַר דער יצירה ווי נאָך דער יצירה.

מיר זיינען איינגעוויינט צו טראַכטן אַז די יצירה איז יש מאַין, די וועלט איז דער יש אָבער מיר ווילן געפינען דעם יש קענען מיר ניט, ווייל מיר קענען ניט אָננעמען איין זאַך און זאָגן אַז דאָס איז ריכטיגער חומר, ווייל ווי קליין די זאַך איז ניט, קען די זאַך נאָך פאַרקלענערט ווערן אויף מער פיצלעך און שטיקלעך ביז צו דעם אַטאָם וואָס דאָס איז אַ דרייסיגסטער טריליאָנטייל פון אַ ווייץ, און אויך דאָרטן זיינען מיר ניט קלאָר, אויב דאָס איז שוין דער ריכטיגער חומר, ווי די חז״ל זאָגן אַלעס איז פול מיט לעכעלאַך בלי גבול, און מען קען ניט אָנווייזן אַז דאָס איז גשם און חומר, איז אין דער אמת׳ן קיין חומר ניטאָ, נאָר עס איז פאַראַן אַ כח רוחני וואָס פאַראייניגט און פאַרבינדט אַלעס אין איינעם און האַלט דאָס אויף צוזאַמען, קוקט אויס אַז אין דער ריכטיגקייט איז ניטאָ קיין חומר נאָר רוחניות.

דאָס מיינט אַז אויך נאָך דער יצירה איז אַין (גאָר ניט) פון יש און ביי דעם רבונו של עולם איז נאָך דער יצירה קיין זאַך ניט אַנדערש געוואָרן ווי פריער, און דער מאמר השם פון בראשית האַלט אויף דעם כח רוחני וואָס הייסט יצירה און מיר זעען נאָר דעם רוחניות פון דער יצירה. דער קרוין פון דער יצירה איז דער מענטש, בחיר היצורים „נעשה אדם" זאָלן אַלע כחות פון דער יצירה באַשטייערן צו דעם מענטש (ר' חיים וואָלאָזינער) און אַלע כחות האָבן באַשטייערט, איז אין מענטשן פאַראַן פון שמי שמים ביזן קלענסטן ווערימל, איז דער מענטש קען פאַלן אַזוי נידעריק אַז מען זאָל אויף אים זאָגן דער קלענסטער ווערימל איז באַשאַפן געוואָרן פריער פאַר דיר און מער נויטיקער ווי דו ביסט אין דער יצירה, אָדער ער זאָל קענען זיך אַזוי אַרויפאַרבעטן, אַז מען זאָל זאָגן צו אים אתה קדמת למעשה בראשית, דו שטייסט העכער ווי אַלע נבראים דו בינסט חלק אלק ממעל, אין וואָס באַשטייט זיין גרויסקייט און קליינקייט? דער ענטפער איז דורך זיין כח הבחירה קען ער קומען צו שלימות און אין צוויטן וועג קען ער צוברעכן וועלטן און זיי מחריב זיין ערגער ווי דער ווערימל.

וואָס איז דאָס שלימות? און ווי קען עקזיסטירן שלימות ביי אַ נברא, אין דעם איז פאַראַן דריי שיטות.

די וועלט האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז שלימות? ווי קען אַ מענטש וואָס איז שטענדיג פול מיט גלוסטונגען און פאַרלאַנגען צי דאָס איז גוטע אָדער שלעכטע פאַרלאַנגען, אָבער דאָס איז אַ פאַרלאַנג דאָס מיינט אַז דער מענטש פילט אַז די זאַך פעלט אים און אויב עס פעלט אים עפּעס מיינט דאָס אַז ער נויטיגט זיך אין דעריין און ווען אייבער נויטיגט זיך אין אַ זאַך האָט ער ניט די זאַך און ווען ער האָט ניט די זאַך פעלט דאָך אים אין שלימות, ווייל שלימות מיינט גאַנצקייט דאָס הייסט איך האָב אַלעס, טאָ ווי קען שלימות זיין צוזאַמען מיט רצונות? מיר ווייסן אַז דער צוועק פון דער יצירה איז געווען להתענג על השם שזהו התענוג האמיתי והכי יותר גדול שיש בעולם (מסילת ישרים) אָבער ווי קען דער מענטש נהנה זיין פון דעם תענוג, ווען ער האָט רצונות און שטענדיג פעלט אים עפּעס. ווי קען מען זיין צופרידן און הנאה האָבן פון תענוג האמיתי אַז שטענדיג

פעלט אים עפּעס? אויף דריין איז געווען דריי ענפערס און פאַרשיידענע שיטות:

דער אינדישער ענטפער איז געווען אַז דאָס איז אַ סתירה, איין זאַך צו דער צווייטער און קיין זאַך וואָס עקזיסטירט קען ניט זיין שלם, ווייל עס פאַרלאַנגט עפּעס און דאָס קען ניט גיין מיט שלימות, און זייער ענטפער איז דעריבער געווען, אַז אויב דער מענטש ווייס ווי צו לעבן אויף דער וועלט און באַהערשן זיינע רצונות, ווערט ער נאָך זיין טויט פאַרוואַנדלט אין אַ קלענערע באַשעפעניש און גייט אַלץ קלענער און קלענער ביז ער ווערט ניוואַנאַ (גאַר ניט) ווייל ווען ער ווערט גאַרניט הערט ער אויף צו פאַרלאַנגען און דאָס איז שלימות און ער קומט צום מקור פון וואַנען ער איז געשאַפן געוואָרן.

די פאַלשקייט פון דעם געדאַנק זעט מען אין דעריין, ווײַלע דוקא די שלימות פון השם יתברך שאַפט און האַלט אויף די יצירה ווײַלע דוקא אין שלימות ליגט דער גרעסטער כח היצירה. אין דעם יש, און ניט אין דעם ניט (ניוואַנאַ). אודאי איז ניט דער רצון און פאַרלאַנג פון רבונו של עולם אַזאַך וואָס מיר קענען פאַרשטיין, אָבער מיר ווייסן אַז דער בורא איז שלימות און דאַך איז דאָ אַ נברא הייסט דאָס אַז שאַפונגען פון וועלכע כחות עס זאָל ניט זיין, זיינען ניט קיין סתירה צו שלימות. רצונות און שלימות קענען גיין צוזאַמען.

אַ צווייטער ענטפער איז געווען, דער גריכישער און מאַחאַמאַדאַנישער: אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט געשאַפן דעם מענטשן און האָט אים געגעבן כח אַז ער זאָל מיט זיין שכל קענען מקיף זיין די וועלט און הנאה האָבן פון דער יצירה, דאַרף דער מענטש הנאה האָבן פון אַלעס און ער דאַרף ערפילן זיינע פאַרלאַנגען ווייל דאָס איז אַ חלק פון שלימות, ער איז געשאַפן געוואָרן דאָס צו ערפילן, אָבער צי דאַרף דער מענטש טאַקע ערפילן אַלע פאַרלאַנגען, צי אַלע פאַרלאַנגען זיינען טאַקע גוט פאַר אים, אויף דעריין איז געקומען דער ענטפער אַז ניט אַלע פאַרלאַנגען זיינען באמת רצונות, ווייל אַ פאַרלאַנג מיינט נאָר אַזעלכער, וואָס קען שטענדיג עקזיסטירן, אָבער ווען שפּעטער ווייזט זיך אַרויס אַז איך האָב חרטה אויף וואָס איך

האָב פריער געטאָן, דאָס ווייזט אַז דער פריערדיקער פאַרלאַנג איז ניט געווען בכח צו עקזיסטירן, נאָר איז געווען אַ מאָמענטאַלער אויפברויז פון פאַרשי־דענע כחות און אַזאַ פאַרלאַנג הייסט גאָר ניט קיין רצון. דאַן איז ביי זיי נולד געוואָרן די שאלה, טאָ ווי ווייסט מען וועלכער פאַרלאַנג איז אַ רצון און וועלכער פאַרלאַנג איז געווען אַ טעות, און גאָר ניט קיין רצון, דער ענטפער איז געווען, אַז אויב די זאַך איז גוט איז דאָס אַ באַווייז אַז דאָס איז דער ריכטיגער רצון, אָבער אויב די זאַך איז שלעכט איז דאָס אַ באַווייז אַז עס איז ניט געווען דער ריכטיגער רצון, און זיי זיינען געקומען צו דער מסקנא אַז אַ רצון פון אַ מצוה איז אַ גוטער און ריכטיגער פאַרלאַנג, און פון אַן עבירה איז דער רצון ניט קיין ריכטיגער און וועט ברייגגען שפעטער חרטה און ווייזן אַז דאָס איז ניט געווען קיין רצון פון שלימות. דאַן איז ביי זיי געווען די שאלה צי די מצוה זעלבסט איז באמת אַ גוטע זאַך און די עבירה אַ שלעכטע זאַך אָדער ווייל דער בורא האָט געזאָגט אַז דאָס איז אַ מצוה מאַכט דאָס אַז עס איז אַ גוטע זאַך, יעדנפאַלס איז געווען זייער שיטה אַז ווען מען טוט אַלע גוטע רצונות איז מען אויף דער וועג פון שלימות און דעם מענטשנס רצונות וועלן אייביק פאַרווירקליכט ווערן און ער וועט שטענדיג קענען הנאה האָבן פון זיי און די מאַהאַמאַדאַנישע וועלט איז געגאַנגען נאָך ווייטער און צוגעזאָגט דעם מענטשן אַז זיינע ערדישע רצונות וועלן ווערן אַ חלק פון זיין נהנה בעולם שכולו טוב.

די פאַלשקייט פון דעם געדאַנק באַשטייט אין דעריין, ווייל שלימות קען ניט האָבן צו טאָן מיט רצונות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט גשם און חומר ווי קליין דער חומר זאָל ניט זיין, ווייל ווי גוט דער רצון זאָל ניט זיין קען ער ניט גיין ווייטער און פאַרווירקליכט ווערן שפעטער און בלייבן שטענדיג שטיין ביי די אַלטע פאַרלאַנגען ווייל שלימות מיינט גרעסער און העכער ווערן און ניט נאָר הנאה צו האָבן פון די אַלטע רצונות אַליין וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט ערדישע פאַרלאַנגען.

אַנדערש איז די תורה׳דיקע וועג, די תורה רופט אַן שלימות, אויפשטייג אין שכל, גיין פון איין מדרגה צו דער צווייטער און שטענדיג נאָר שכל׳ן, און העכער ווערן אין שכל און פאַרשטאַנד. „הצדיקים אין להם מנוחה

לא בעולם הזה ולא בעולם הבא אלא ילכו מחיל אל חיל" ווילע ווען אַ מענטש האָט מנוחה איין מינוט און דער שכל הערט אויף שכל'ן איז דער מענטש טויט, ווייל אין דער מינוט ווען דער מענטש מיינט אַז ער האָט שוין דער־גרייכט אַלעס און דאָס לעצטע אין זיין לעבן און ער קען יעצט עקזיסטירן אויף זיינע פריערדיקע רצונות אָן אַרבעט דער מענטש לעבט שוין ניט מער, ווייל דאַן הערט ער אויף צו זיין וואָס ער דאַרף זיין, ווייל מענטש מיינט צו שטייגן און גיין אַלץ העכער און העכער, ווילע דאָס איז שלימות, שלימות מיינט אַז דער מענטש ווערט קיין מאָל ניט פאַרמאַטערט, און זיין שכל רוט ניט קיין איין מינוט, ווילע ווען דער שכל רוט און אַרבאַט ניט קען דאַן ניט זיין קיין שלימות.

נאָר דער מענטש מוז שכלן און זיין מחיל אל חיל פון איין מדרגה צו דער צווייטער מדרגה, דאָס מיינט גאַנצקייט ווילע דער מענטש פילט שטענדיג אַן עלית הנשמה און דאָס הייסט שלמות. שטענדיג זיין אַן עולה למעלה ולמעלה בדרך החיים למשכיל. און עס איז ניט נויטיג צו אויפהערן פאַר־לאַנגען, און ווערן גאַרניט אָדער זיך אָפּשטעלן ביי די אָפּגעטאַנענע זאַכן און זיין צופרידן, נאָר ער דאַרף כסדר שכל'ן און שטייגן, און ווען דער מענטש וועט לעבן אייביג וועט ער אַלץ קענען שטייגן און עולה זיין (פון דעריין קענען מיר לערנען ווי גרויס איז דער בורא, ווייל ווען דער מענטש וועט לעבן אייביג און כסדר שטייגן וועט ער אַלץ נאָך זיין אַ נברא טאָ ווי' גרויס איז שלימות בתכלית השלימות פון בורא יתברך). און אין יעדער מדרגה וואָס דער מענטש שטייט אויב ער האָט נאָר געשכל'ט איז ער אין דער מדרגה פון שלימות, און אין שלימות גייט ער ממדרגה למדרגה ווילע שלמות האָט מדרגות לויט די מדרגות השכל וואָס מען האָט, און מען גייט אין שלימות ממדרגה למדרגה, שלימות פון מענטשן מיינט עלית השכל און שטייגן און ווערן העכער, ויגבה לבו בדרכי השם און אַזוי אָנגיין לעולם ועד און פילן דעם גרויסן תענוג ושמחה להתענג על השם. עז וחדוה במקומו און אַזוי איז עז וחדוה ווען אַ מענטש גייט בדרך למעלה למשכיל, און ער איז שטענדיג צופרידן, כאָטש ער שטייגט פון מדרגה למדרגה און די פריערדיקע מדרגה איז געווען אַ קלענערע אָבער ווילע זי איז געווען פול מיט שכל איז זי

געזוען שלימות, און עס קומט אויס אַז דער צוועק פון מענטשן איז צו וועלן שטייגן ממדרגה למדרגה און דאָס איז דער ריכטיגער רצון. וועלכער איז ניט קיין סתירה צו שלימות נאָר איז שלימות אמיתי.

ראש השנה ווען דער מענטש איז געשאַפן געוואָרן, האָבן די מלאכי מעלה געמיינט אַז דאָס איז אַ בורא ניט קיין נברא ווייל ער שטייגט כסדר אין שכל, און זיי האָבן געוואָלט זאָגן פאַר אים שירה, האָט דער רבונו של עולם ארויפגעוואָרפן אויפ'ן מענטשן אַ שלאָף „ויפל תרדמה" זאָגן חז"ל אַז ויפל מיינט נפילה, ווײלע אַ בורא שלאָפט ניט און דער מענטש שלאָפט האָבן מלאכים געזען אַז ער איז נאָר אַ נברא. אָבער גרויסע מענטשן שטייגן אפילו ווען זיי שלאָפן, אין שלאָף „בחלום אדבר בו" און אין שלאָף קומט ער צו נבואה און מגלין לו רזי דאורייתא (הגר"א מווילנא) אָבער דער מענטש אין אַלגעמיין שלאָפט כסדר אפילו ווען ער איז אויף! אַגרויסער גאון האָט געזאָגט אַז אויב אַ מענטש נוצט זיין שכל דורך די 70 יאָר 3 יאָר צוזאַמענ־געגומען איז ער אַ חד בדרא, און זייער ווייניק נוצן זייער שכל טעגליך, און דער מענטש שלאָפט, פון דעם ויפל איז ער אַזוי אַראָפּגעפאַלן עד שאול תחתית, אָבער דער מענש קען שטענדיג תשובה טאָן און מתקן זיין, ראש השנה איז דער טאָג פאַר דערמיט „זה היום תחלת מעשיך" הייסט איז דער טאָג פון יצירת האדם, און מען בלאָזט שופר ווי דער רמב"ם זאָגט „הקיצו ישנים" און דער ירושלמי זאָגט האי מאן דדמיך בראש השנה דמיך שנתי' ווײלע ראש השנה מוז מען מאַכן אַ חשבון הנפש און שטייגן אין שכל כי זהו כל האדם, ראש השנה דאַרף ברייגגען דעם מענטשן עלית הנשמה אַז ער זאָל פילן פול מיט שלימות הנפש, און דאָס וועט ברייגגען שלימות היצירה און גאַנצקייט אין זיין לעבן, דער מענטש דער קרוין פון דער יצירה דאַרף צוקומען ראש השנה צום רבונו של עולם „ושובה עד השם" און מיטנעמען מיט זיך פאַר'ן גאַנצן יאָר שלימות און נהנה זיין כל השנה כולה מגדלות השם און פילן שטענדיג דעם עוז וחדוה במקומו.

געדאנקען צו חודש אלול

וואונדערליך איז דער מענטש ער איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלקים און דער צוועק פון זיין באַשאַפן ווערען איז להתענג על השם שזהו התענוג והעידון הכי יותר גדול (מסלת ישרים). דער מענטש קען פון דעם תענוג נישט אַנטלויפן. דער יאָגט אים נאָך אין יעדער צייט און ווען דער מענטש זינדיגט און זיך דערווייטערט פון רבונו של עולם, קומט דאָרטן צו אים תשובה און ברענגט אים צוריק צו דעם תענוג הכי יותר גדול (יפה שעה אחת בתשובה).

שטענדיג קען אַ מענטש תשובה טאָן און שטענדיג דאַרף ער תשובה טאָן, „בכל עת יהיו בגדיך לבנים", אָבער עס איז פאַראַן צייטן וואָס רופן צו תשובה, מאָנען און דערמאָנען דעם מענטשן אַז מען זאָל תשובה טאָן.

דאָס איז חודש אלול. די טעג פון רחמים און רצון. די טעג פון אני לדודי ודודי לי. אלול זיינען די טעג וואָס גרייטן צו צו יום־כפור, פאַר דעם יום הגדול, וואָס מיט תשובה איז דאָס מכפר די עבירות. גרויס איז דער טאָג ווען פון אַן עבירה ווערט אויס עבירה און אויב די תשובה איז מאהבה ווערן די עבירות פאַרוואַנדלט אין מצוות. ווי קען דאָס ווערן פון אַ עבירה אַ מצוה? איז זייער אינטערעסאַנט צו זען דעם ענטפער: ווען אַ מענטש ווערט אַ בעל־תשובה ווערט ער אַ נייער מענטש, כקטן שנולד דמי (ספר היראה לרבנו יונה).

איז אַזוי וואונדערליך אָראָפּצוּוואַרפן אַלע עבירות און זיין אַ נייער געבוירענער. ווי גוט איז צו זיין אַ בעל תשובה. גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד — תשובה גרייכט אין אייביגקייט, און מען דאַרף נישט פאַר־זוימען צו טאָן תשובה.

עס איז אינטערעסאַנט דער ענטפער פון אבודרהם, פאַרוואָס ווערן די בינונים וואָס האָבן נישט תשובה געטאָן אין עשרת ימי תשובה פאַרשרייבן אין ספר המיתה. זיי זיינען דאָך נישט ערגער געוואָרן און געבליבן בינונים ביז

יום־כפור און ביי בינונים איז דאָך מטה כלפי חסד, טאָ פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ שווערע שטראָף? זאָגט דער אבודרהם, דאָס איז ווייל עס איז געווען אַ וואונדערבאַרע געלעגנהייט צו טאָן תשובה אין די תשובה־טעג, וואָס דאָן איז ג־ט נאָענט צו מענטשן און יעדער יחיד ווערט דאָן אַ צבור (יבמות מ״ט) און ער האָט די געלעגנהייט פאַרנאַכלעסיגט, ווייזט דאָס אַז ער איז אַראָפּ פון זיין מדרגה פון פריער.

דער חודש אלול ווייזט דעם ריכטיגן וועג פון תשובה. עס זיינען די טעג ווען משה רבנו האָט מודיע געווען דעם כלל ישראל, אַז די מיטלסטע פערציג טעג זיינען נישט געווען לרצון, און איצט ווען עס הויבט זיך אָן די נייע פערציג טעג זאָלן אַלע אידן תשובה טאָן און מאַכן די הכנה פאַר׳ן משכן און לוחות שניות, פאַר דעם ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד. מען האָט געבלאָזן שופר און דער כלל ישראל האָט תשובה געטאָן. סלחתי איז געקומען פון רבונו של עולם און אַ משכן איז געבויט געוואָרן און די שכינה האָט זיך באַזעצט בתחתונים.

איז די צייט באַשטימט געוואָרן פאַר יעדן יאָר און פאַר יעדן מענטשן פאַר אַ צייט פון תשובה ווען עס איז לייכטער צוצוקומען צו תשובה.

אין אמת׳ן איז אַ הרהור תשובה זייער גרויס. אפילו ווען אַ רשע גמור איז מקדש אָן אשה על מנת שאני צדיק גמור מקודשת שמא הרהר בתשובה. איין טראַכט קען ברענגען אַ מענטשן לחיי נצח נצחים. עס ווערט געזאָגט אין נאָמען פון בעל שם טוב, אַז אויב הרהורי עבירה קשים מן עבירה איז הרהורי מצוה יפים מן המצוה, ווייל מדה טובה איז דאָך גרעסער ווי מדת פורעניות און דאָס זעלבע אַ הרהור תשובה איז זייער גרויס. אָבער צו זיין אַ בעל תשובה בשלימות דאַרף מען דורכגיין די 20 גדרי התשובה פון רבנו יונה. דאָס ברענגט דער חודש אלול. ער לערנט די דרכי התשובה. דאָס איז דער חודש פון סליחות, בקשות און תחנונים, כדי דער מענטש זאָל אין דעם חודש נתעלה ווערן און זיך גרייטן פאַר׳ן יום הגדול פון כפרה. דער חודש פון יצירה איז דער חודש פון גוטסקייט, רחמים, שלימות און עונג. דער מענטש דאַרף דאָס דערהערן.

מען בלאָזט שופר דורך דעם חודש, כדי אויפצוּוועקן דעם מענטש פון

זיין שלאָף, און דער שופר וועקט, מאָנט און רופט צום מענטשן: ווייסטו וואָס דו פאַרמאָגסט? ווייסטו אַז דו האָסט אַ נשמה טהורה, אַ חלק אלק׳ ממעל אין דיר? דיין נשמה קענסטו נישט פאַרניכטן. זי איז אַן אייביגקייט. די נשמה זעט אַלעס, שפירט אַלעס. די נשמה האָסטו נאָר באַהאַלטן און זי איז פאַרשטעלט, אָבער זי איז די ליכט וואָס פילט אָן דיין מהות. די נשמה איז נישט אַ טייל פון דיר, נאָר דאָס איז דיין גאַנצער באַשטאַנד. דאָס איז דיין איך און דו האָסט איר פאַרשטעלט מיט דיינע תאוות נעם צו די פאַרשטעלונג און די נשמה וועט לייכטן ווי די זון. איר ליכט וועט דיך וואַרמען און דערהויבן. דאַן וועסטו זען אַז דו ביסט באַשאַפן בצלם אלקים.

קום צוריק צו דיין גרויסקייט, אויף פון שלאָף! נעם צו די שווערע זאַכן וואָס פאַרשטעלן די נשמה, דאַן וועסטו שיינען מיט די הייליגע ליכט פון אייביגקייט און שיין וועט זיין דיין לעבן פול מיט תענוג וחדוה, ווייל במקומו איז נאָר חדוה וששון. דאָס איז ימי הרחמים והרצון — לאָז זיי נישט אַוועקגיין.

אלול איז די טעג ווען די זון ווערט שוואַכער, די טעג קלענער און די נאַכט לענגער. קומי רוני בלילה. מאַכט די נאַכט לייכטן מיט דער ליכט פון תורה.

דער אלטער פון סלאבאדקע

(צו דעם 33־טן יאָרצייט פון רבי נתן נטע צבי פינקעל זצ״ל)

צווישן די גדולי בעלי המוסר פון פאָריגן דור פאַרנעמט דער אַלטער פון סלאָבאָדקע דעם בכבוד׳יגסטן פלאַץ, סיי אַלס גרויסער בעל מוסר וועלכער איז געגאַנגען אין דער שיטה פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, און אויך אַלס דער גרעסטער מרביץ תורה וועלכער האָט געהאָלפן שאַפן די מערסטע ישיבות אין לעצטן דור.

דער אַלטער וואָס איז געווען אַ נחבא אל הכלים, לעבנדיג אין צוויי קליינע חדרים ביי דער ישיבה און ניט נהנה געווען מן העולם, איז געווען דער תורה־אויטאָריטעט פון דער ישיבה׳שער וועלט. צו אים איז מען געקומען בעטן הילף אין שאַפן אַ ישיבה. דער אַלטער פלעגט אַראָפּשיקן בחורים פון סלאָבאָדקע און אַ נייע ישיבה האָט זיך געשאַפן, אַ ישיבה פון תורה און מוסר. הונדערטער גדולי התורה און רבנים פלעגן אים יערליך באַזוכן און הערן פון אים דאָס גרויסע וואָרט וואָס האָט זיי געשטאַרקט און געגעבן כח אָנצוגיין מיט זייער תורה׳דיגע אַרבעט. די גרויסקייט פון אַלטן איז קודם כל באַשטאַנען אין זיין אייגענעם מוסר׳דיגן לעבן וואָס איז געווען אַביישפּיל פאַר אַנדערע.

דער אַלטער האָט באַפעסטיגט און אויסגעברייטערט די מוסר שיטה פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער. זיין השפעה האָט דערגרייכט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט, אָבער די קרוין פון זיין אַרבעט איז געווען סלאָבאָדקער ישיבה. דאָ האָט דער אַלטער פאַר פערציג יאָר געזאָגט זיינע שמועסן וואָס האָט געשאַפן די סלאָבאָדקער שיטת־המוסר. דער אַלטער האָט גענומען אדם הראשון קודם החטא, ווען ער איז געווען אין גן עדן, אין דער מדרגה, וואָס זיין חכמה איז געווען גרעסער ווי די פון די מלאכים (חכמתו מרובה משלכם) און האָט געלערנט, אַז אויך איצט קען אַ מענטש צוקומען צו אָט דער מדרגה.

ער האָט געלערנט און פאַרלאַנגט אַז אויך איצט דאַרף מען זיין אין

דער מדרגה פון "חכמתו מרובה משלכם". און בכדי דער מענטש זאָל ממלא זיין דעם תכלית פון "נברא בצלם" מוז דער מענטש פילן, אַז פאַר אים שאַפט זיך די וועלט יעדער רגע, "המחדש בטובו" איז דער בורא פאַר אים, און אַז כסדר גייט אָן די התחדשות, דאַרף דעריבער דער מענטש זיך אויפהייבן צו דער גרויסקייט פון פילן די התחדשות, און די התחדשות דאַרף זיך אָפּרופן ביי אים. דאָס ברענגט דעם מענטשן צו מאמין זיין אין השגחה פרטית, אַז די אַלע שאַפונגען זיינען פאַר אים "חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם", "כל העולם כולו נבראו לצוותא לזה".

דער באַוואוסטזיין, אַז דער בורא שאַפט פאַר מיר יעדער מינוט, ברענגט דעם מענטשן צו פילן ווי אדם הראשון, און ווען אַ מענטש ווייסט די וויכטיג־קייט פון דער יצירה, לערנט ער פון רבונו של עולם זיינע וועגן, ער וויל זיך גלייכן צום בורא, און ער גייט אין זיינע מדות "מה הוא אף אתה", "מה הוא רחום וחנון אף אתה רחום וחנון". לערנענדיג וועגן גרויסקייט פון רבונו של עולם, לערנט ער דערביי מדות, גייט אין די וועגן פון די אבות העולם, "חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי, אברהם יצחק ויעקב" ניט נאָר קען ער זיך גלייכן צו די אבות נאָר ער מוז שטרעבן דאָס צו טאָן. לעבט מען אין די כותלי הישיבה אין אַן אַנדער וועלט, אין דער וועלט פון אבות און אדם הראשון, לעבט מען כסדר אין אַ וועלט פון אצילות, קוקט מען אויפן אַלטן און אַן עונג רוחני צוגיסט זיך איבער דיר. שאַפט זיך אַ וועלט פון רוחניות אַ וועלט פון תורה און יראת שמים און עס איז אַזוי גוט צו זיין נאָענט צום אַלטן, מען ווערט אויפגעהייבן מיט אים צוזאַמען.

דעם ערשטן שמועס איז מיר אויסגעקומען צו הערן פאַר סוכות תרפ"א און איך הער אַז "מענטשן מיינען אַז די וועלט איז אַ יש מאַין, אַז די וועלט איז אַ פאַראַן, אין דער אמת'ן איז ניט אַזוי, מיר קענען ניט אָננעמען אין האַנט אַ זאַך וואָס מיר זאָלן קענען אָנווייזן אַז דאָס איז שוין דער ריכטיגער גשם. ווייל ווי קליין די זאַך זאָל ניט זיין, צוברעקלט זי זיך נאָך און נאָך און עס קען ווערן אַזוי קליין אַז מען זאָל עס ניט קענען זען אַפילו מיט אַ שפּאַקטיוו. אויב אַזוי זעט מען ניט קיין גשמיות, נאָר מען זעט אַ כח רוחני וואָס פאַרבינדט דאָס אַלעס, מען זעט אַ אין מיש, ווייל אַלעס איז רוחניות.

אויב אַזוי פאַרוואָס ווערט ניט די וועלט פול מיט רוחניות? דער ענטפער איז, אַז דער מענטש פאַרמאָגט אַזאַ כח דאָס ער קען פון רוחניות מאַכן גשמיות, ער קען אַלעס מאַכן פאַרגשמ׳ט און ניט זען קיין זאַך. דעריבער ליגט אַ חוב אויפן מענטש זיך צו גלייכן צום בורא, דאַן זעט ער נאָר רוחניות״.

אין סלאָבאָדקע האָט מען געלעבט אין אַ רוחניות׳דיגע וועלט. דאָס איז געווען די וועלט פון אַלטן. ער האָט גענומען דעם בן ישיבה און האָט אים אריינגעבראַכט אין דער וועלט פון עונג, אין אַ וועלט פון קודם החטא. עס ווערט דערציילט אַז ווען די רוסן זיינען געקומען קיין קעלם אַרעסטירן ר׳ ישראל סאַלאַנטערס תלמיד ר׳ שמחה זיסל ע״ה, איז דאַן געווען דער אַלטער אין דער הויז און געבעטן ר׳ שמחה זיסל׳ן זיך צו באַהאַלטן, און ער וועט זיך לאָזן אַרעסטירן פון די רוסן. שפעטער האָט מען איבערגעגעבן צו ר׳ ישראל סאַלאַנטער, אַז די רוסן האָבן אַרעסטירט ר׳ שמחה זיסל׳ן. האָט ר׳ ישראל געפרעגט: וואָס דענקט מען וועלן די רוסן טאָן צו אים? האָט מען אים געזאָגט „אַז עס קען זיין דאָס זיין זאָלן אים פאַרשיקן אין סיביר״. דאָס איז אַלעס? האָט געזאָגט ר׳ ישראל, איך בין זיכער אַז ר׳ שמחה זיסל וועט אין סיביר שאַפן אַ ישיבה״. דאָס איז געווען דער אַלטער זצ״ל. אין דעם קאַלטסטן סיביר האָט ער געקענט שאַפן אַ ישיבה. ווייל וואו רוחניות איז דאָ פאַרשווינדן אַלע קעלטן, וואו תורה און מוסר איז דאָ, איז פאַראַן עונג, און וואו עונג איז דאָ, לעבט מען מיט קרבת אלקים. יהי זכרו ברוך!

דער גאון ר' אייזיק שער
וואס איז נסתלק געווארן אין ארץ ישראל

אַ פּאָר ווערטער צו זיין הסתלקות

ארז נפל בלבנון. אַ ריז איז אַוועק פון דער וועלט, אַ גאון אין תורה און אַ גרויסער ראש ישיבה, וועלכער האָט מרביץ תורה געווען פאַר די לעצטע פערציג יאָר אין ליטע און ארץ ישראל. אויסער דער גרויסקייט אַלס מחנך, און דענקער פון ערשטן קלאַס, איז ער געווען אַן אַריסטאָקראַט צווישן די ראשי ישיבות. ווער עס האָט געהאַט דעם זכות צו הערן זיינעם אַ שעור האָט געהאַט אַן עונג רוחני. ווער עס האָט געהערט זיינע אַ שיחה אין מוסר האָט געפילט אַז דאָס רעדט אַ דענקער און פילאָזאָף וועלכער פאַרשטייט די כחות הנפש.

מרן ר' אייזיק שער איז געווען אַן איידים פון סבא קדישא אדמו"ר ר' נתן נטע פינקעל זצ"ל, און די גרעסטע אויפגאַבע אין זיין לעבן איז געווען צו באַפעסטיגן און פאַרזעצן די גרויסע אַרבייט פון זיין שווער, דער אַלטער, ווי מען האָט אים גערופן אין די ישיבות.

ר' נתן נטע פינקעל איז דער גרינדער פון כמעט אַלע ישיבות אין דער ליטע פאַר די לעצטע זיבעציג יאָר. ער האָט באַפעסטיגט ר' ישראל סאַלאַנטערס שיטה פון מוסר. די קרוין פון זיין אַרבייט איז געווען סלאָ־באָדקער ישיבה וואו מען האָט געמאַכט אַ גן עדן אויף דער וועלט, און געשטעלט יעדן מענטשן אין דער מדרגה פון אדם הראשון קודם החטא און אַזוי האָט מען געפאָדערט פון די תלמידים צו זיין אין דער מדרגה פון חכמתו מרובה משלכם, און ער זאָל ממלא זיין דעם תכלית פון הנברא בצלם און ער זאָל פילן דעם המחדש בטובו, אַז עס גייט כסדר אַן התחדשות אין זיין לעבן, און אַז די השגחה פרטית איז מחדש בשבילו בכל רגע ורגע עולם מלא, און דעריבער דאַרף ער זיין אין דער מדרגה, און וואו מען האָט

געגעבן צו פאַרשטיין אַז דעה און מדות גייען איינס מיט דאָס אַנדערע צוזאַמען ווי אַ סינטעז און איינע אָן די אַנדערע איז ניטאָ במציאות, און אַזוי ווי מען פאַרלאַנגט פון אַ מענטשן צו וויסן דעם דע את אלקי אָביך, פאַר־לאַנגט מען פון אים צו מקיים זיין די שלש עשרה מדות און פון זיי זיך משלים זיין אין ידיעת השם. אין סלאָבאָדקע וואו יעדער תלמיד האָט גע־פילט אַז ניט נאָר קען ער אין די כותלי הישיבה פילן דעם גן־עדן קודם החטא נאָר ער קען דאָס מיטנעמען מיט אים וואו ער וועט זיין און לעבן אין דער מדרגה פון חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם און מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב. דעם כח וואָס די ישיבה האָט געגעבן יעדן תלמיד איז דאָס געווען אַ דאַנק דעם אַלטן און שפּעטער זיין גרויסן איידים מרן ר׳ אייזיק שער זצ״ל. זיי זיינען געווען פאַר יעדן תלמיד ווי אַ פאָטער צו זיין קינד סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות. אַריינ־דרנגענדיג אין כחות הנפש פון יעדן תלמיד האָט ר׳ אייזיק שער געזוכט יעדן צו העלפן אין אַלעס.

זיין לעבן איז געווען געווידמעט צו דער אַרבייט פון דעם אַלטן, און בעזרת השם איז אים געלונגען דאָס צו פאַרזעצן און פאַרשטאַרקן. ער איז געווען דער גרויסער ראש ישיבה וואָס קיין פּראָבלעם איז אים ניט צו קליין אָדער צו גרויס.

די לעצטע וועלט מלחמה וועלכע האָט צובראָכן דעם תורה און יראת שמים צענטער פון סלאָבאָדקע האָט זייער פיל געווירקט אויפ׳ן געזונט פון דעם גרויסן ראש הישיבה און מנהל. דאָך האָט ער מיט יונגע כחות זיך גענומען צו באַנייען צוריק דעם גרויסן תורה צענטער אין ארץ ישראל און בעזרת השם האָט ער אויפגעשטעלט די ישיבה אין בני ברק. די ישיבה אוירא דארץ ישראל, פון סלאָבאָדקע אין דעם זעלבן רוח אין אוירא דארץ ישראל, און די ישיבה גייט אין זעלבן וועג ווי אין סלאָבאָדקע און איז איצט איינע פון די גרעסטע תורה צענטערן אין דער ארץ הקדושה. די מסירות נפש זיינע איז געווען בלי גבול. עס איז כמעט אוממעגליך פאַר אַ מענטש צו אויפטאָן דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין דער קורצער צייט אין ארץ ישראל, וואו תורה און מדות מיט גדלות האדם גייען צוזאַמען,

ווייל מדות און גדלות האדם איז אַ חלק פון דער תורה און דאָס איז עולמך תראה בחייך. גרויס איז די אבידה, אָבער די גרעסטע זכות, „וישיבה העמידו על קברו".

זיין נאָמען וועט פאַרבלייבן גרויס און הייליג ביי אַלע וואָס האָבן אים געקענט.

הרב ר׳ ירוחם לוואוויטש זצ״ל

מיט געבויגענע קעפּ שטייען מיר פאַר דעם קבר פון הרב ר׳ ירוחם לוואָוויטש, פאַר 25 יאָהר דער מנהל רוחני פון מירער ישיבה.

זייענדיג אַ קעלמער בעל־מוסר פון ר׳ שמחה זיסל׳ס זצ״ל חדר, איז ר׳ ירוחם געוואָרן דער גייסטיגער רבי פון טויזנטער גדולי ישראל. צו הערן ר׳ ירוחם׳ס אַ שמועס איז געווען דער גרעסטער עונג. ער איז געווען דער עמקן, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין מהות הנשמה, ניט וועלנדיג אַז די תלמידים זאָלן זיך פאַרטיפן אין פילאָזאָפיע. ער האָט אפילו געהייסן וויניגער לערנען דעם שער היחוד און דעם דרך ה׳ פון ר׳ משה חיים זצ״ל, גלויבנדיג פעסט אַז דער פסוק בראשית ברא איז דער העכסטער פילאָזאָפי־שער ענטפער צו אַלע פראַגן, איז ער אָבער אַליין געווען אַ גרויסער עמקן און פילאָזאָף, זיך גריבלענדיג אין די כחות הנפש.

לערנענדיג אַליין צען יאָר אין סלאָבאָדקע און חברון, און זייענדיג אַ תלמיד פון סלאָבאָדקער דרך, האָב איך געהאַט די זכיה צו זיין פאַר אַ יאָר אַ תלמיד פון דעם גרויסן ריז פון מיר. עס איז דאַן געווען נאָך דער מלחמה. מיר, אַ קיבוץ פון יונגע לייט, וואָס האָבן גרענעצן גע׳גנב׳עט און דעם לעבן איינגעשטעלט אום צו קענען קומען קיין סלאָבאָדקע, זיינען געווען אָן אַ מנהיג רוחני. די פאַרשטאָרבענע גדולים, הרבנים הגאונים ר׳ ברוך הורוויץ אַלעקסאָטער און ר׳ ניסן יאַבלאָנסקי זיינען געווען די ראשי הישיבה, נאָר קיין מנהל וואָס זאָל אריינדרינגען אין די טיפענישן פון דער נשמה און וועלכער זאָל וויסן אַז דער מאָדערנער בן־תורה, וואָס לעבט אין דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, דאַרף אויך האָבן זיין לעבנסאַנשויאונג, וואָס זאָל אים באַשיצן פון די אַלטעגליכקייט פון לעבן, איז דאַן ניט געווען אין סלאָבאָדקע (די ישיבה סלאָבאָדקע מיט דעם אַלטן זיינען געווען אין גלות אין קרעמענטשוג). מיר האָבן באַשלאָסן אַראָפּצו ברייגען ר׳ ירוחם׳ן, און אַ וואונדער איז געשען — מיט זיין אָנקומען האָבן גענומען שטראָמען מחנות

תלמידים פון דער וועלט. אין זיינע שמועסן און ועדים פלעגט ער אַרויס־זאָגן די גרעסטע אמת׳ן אין אַזאַ לייכטער שפּראַך.

אין די יאָרן 1919־1920 האָט זיך אַנטוויקלט די אידישע אויטאָנאָמיע אין ליטע און דער אָביעקטיווער היסטאָריקער, וואָס וועט באַשרייבן די דאָזיגע גאָלדענע עפּאָכע פון אידישן לעבן אין ליטא, וועט דאַרפן געבן כמעט דעם גרעסטן קרעדיט צו ר׳ ירוחם׳ען. אין זיין קליינעם צימער איז באַשלאָסן געוואָרן די רעליגיעזע פאָרם וואָס די אויטאָנאָמיע מוז טראָגן. זייענדיג איינער פון די גרעסטע בעלי מדות און האָבנדיג דאָס גרויסע אידישע האַרץ, איז ער געווען אַ ריכטיגער פאָטער צו די טויזנטער פליטים פון רוסלאַנד. ווי אַ פאָטער, און אפשר נאָך מער ווי אַ פאָטער, האָט ער זיך מוסר נפש געווען פאַר זיינע תלמידים.

עס איז אַ שווערע אבידה פאַר דעם גאַנצן כלל ישראל און אַ פּערזענליכע אבידה פאַר די וואָס זיינען געקומען אין באַרירונג מיט הרב ר׳ ירוחם לוואָוויטש. זזאָל זיין נאָמען געהייליגט. תנצב״ה.

הרב ר׳ אהרון כהן זצ״ל חברונ׳ער ראש ישיבה נפטר געווארן אין ירושלים

מיט דער פטירה פון דעם חברונ׳ער ראש הישיבה ר׳ אהרן כהן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין דער ישיבה וועלט ר׳ אהרן קאָוונער איז אַוועק פון דער וועלט, איינער פון די יחידי סגולה, וועלכער איז געווען גרויס אין תורה און יראת שמים. אַלס ראש הישיבה פון חברון האָט ער מעמיד געווען אַ דור פון טויזנטער תלמידים גדולי ישראל און זיין יראת שמים איז געווען אַ מוסטער פאַר זיינע תלמידים באַכצוגיין אין די גרויסע וועגן פון גרויס׳ן רבי׳ן. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע בעלי כשרונות אין ישיבה, אַ טיפער קאָפּ, אַ קלאָרער שכל, וועלכער האָט מקיף געווען די שווערסטע סוגיא, גלייך אויפ׳ן אָרט. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן אים חידושי תורה אַלס יונגער בחור, אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע בחורים אין ישיבה, וועלכע זיינען אויך געווען פון די מצויינים, פלעגט ר׳ אהרן זאָגן חידושי תורה און די חידושים זיינען געווען פול מיט הבנה און מען האָט שוין דאַן געקענט זען, אַז דער בחור וועט אויסוואַקסן פון די גדולי ישראל.

ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט דעם רביג׳ס טאָכטער. די טאָכטער פון באַוואוסטן גאון און ראש הישיבה ר׳ משה מרדכי עפּשטיין. נאָך דער חתונה האָט ער מקדיש געווען כל ימיו ללמוד התורה. זייענדיג ראש הישיבה אין חברונ׳ער ישיבה אין ירושלים האָט ער יעדן תלמיד מקרב געווען ווי זיין אייגן קינד. זיין פאַראינטערעסירן זיך אין יעדן תלמיד איז געווען בלי גבול און ער האָט געזען, אַז יעדער תלמיד זאָל שטייגן אין לערנען און אויסוואַקסן אַ גדול בתורה ויראת שמים.

לעצטן יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ערשטן ספר, וועלכער נעמט אַרום תורה שיעורים אויפ׳ן רמב״ם און איז מסביר אויף אַ לייכטן וועג די שווערסטע סוגיות אין ש״ס.

זייענדיג אין אַמעריקע האָט ער געזאָגט אַ שיעור אין דעם רמב"ם קלאַס אין ברוקלין, און יעדעס וואָרט איז געווען אַ חידוש וועגען די ענינים פון שמחת החג.

אין ישיבה איז ער געווען באַוואוסט אַלס קאָונער עלוי, שפּעטער אַלס ראש הישיבה איז ער געווען באַוואוסט אין דער תורה־וועלט אַלס גאון וצדיק.

גרויס איז די אבידה פאַר'ן כלל ישראל און באַזונדערס פאַר דער תורה־וועלט, און באַזונדער פאַר זיינע טויזנטער תלמידים וועלכע זיינען מרביץ תורה בכל העולם.

עס קען געזאָגט ווערן וועגן אים, אַז די טויזנטער תלמידים זיינע וועלן פאָרזעצן זיין וועג איז תורה און יראת שמים.

ער איז אַוועק יונגערהייט פון דער וועלט (עטליכע און פופציג יאָר) אָבער ער האָט געשאַפן און געטאָן פאַר הונדערטער יאָרן און זיין אָנדענק וועט בלייבן לזכרון נצח.

דער "עם הספר" פארנאכלעסיגט דעם חנוך

ווערטהער רעדאַקטאָר!

עס איז פיל גערעדט געוואָרן און געשריבן וועגן דעם טרויעריגן מצב פון אידישן חינוך איז שוין פיל באַטראַכט געוואָרן. נאָך היינט זעהען מיר ווי פעברואַר קומען צו ביי אַ 40 טויזנט אידישע קינדער אין די פּאָבליק סקולס און כמעט קיינער ניט פון דער עלטער פון 6 יאָר קומט צו אין אַ תלמוד תורה. און די פראַגע, פאַרוואָס זיינען מיר אידן, דער עם הספר, אַזוי ווייט פון אידישן חנוך איז שוין פיל באַטראַכט געוואָרן. נאָך היינט זעהען מיר ווי אָרימע טאַטע מאַמע מאַטערן זיך אַ גאַנצן לעבן אום דעם זון אָדער טאָכטער צו מאַכן פאַר אַ דאָקטאָר, אַ לאָיער, אָבער ווען עס קומט צום אידישן חנוך וואו עס קען אַ קינד קריגן אָן אידישע ערציאונג אָן קיינע קרבנות און שוועריקייטן און די עלטערן דאַרפן זיך ניט אָנשטריינגען אַז דאָס קינד זאָל וויסן פון אידישקייט. אַלע תלמוד תורה׳ס שטייען אָפן פאַר די עלטערן וואָס ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן זיין אידן, און דאָך איז דער אידישער חנוך מער פאַרנאַכלעסיגט ווי אַלץ. אַ מוטער וועט פאַר אַ טויזנטער ספק אפשר וועט איר טאָכטער קענען שפּילן פּיאַנאָ, זיך מוסר נפש זיין און איר קינד געבן פּיאַנאָ לעסאַנס, אָבער ווען עס קומט צו ערציען די זעלבע טאָכטער אַלס אידישע מוטער פאַר׳ן צוקונפטיגן דור, לאַכט זיך די מאַמע אויס דערפון און עס טרעפן פאַלן אַז אַפילו אָן שכר לימוד וויל ניט די מוטער שיקן איר קינד און פאַרשפּאַרן איר נעבאָך פאַר אַ שעה אָדער צוויי אין אַ תלמוד תורה, און אָט אַזוי ווערט די עמי הארצות ביים יונגן דור שטאַרקער פון טאָג צו טאָג.

עס איז שווער מיט איינמאָל עפּעס אויפצוטאָן. צופיל איז אָפּגעלאָזן געוואָרן אויף דעם געביט, דאָך גלויב איך, אַז עס קען פיל אויסגעבעסערט ווערן די לאַגע פון אידישן חנוך.

דאָס טרויעריגסטע איז וויל מיר אַליין, די מחנכים, האָבן געמאַכט דעם

חנוך וואָלוול. ווען עלטערן וואָלטן טאַקע געהאַט שוועריקייטן ביים אַריינ־געבן די קינדער אין אַ תלמוד תורה וואָלט דאָס פיל מאָל אויפגעהויבן דעם פרעסטיזש פון אידישן חנוך מער ווי אַלעס. אַזוי ווי די לאַגע איז יעצט קענען טאַטע מאַמע צו יעדער צייט ברייגגען זייער קינד לערנען אין תלמוד תורה. דער שאָדן דערביי איז זייער פיל מאָראַליש און טעכניש. מאָראַליש, פאַרלירן די עלטערן דעם רעספעקט פאַר׳ן אידישן חנוך וויסנדיג אַז צו יעדן עלטער און צו יעדער צייט אין זמן קענען זיי אַריינגעבן די קינדער אין תלמוד תורה, פאַרלירט דאַן די תלמוד תורה איר גאַנצן כבוד. די עלטערן קענען דאָס ניט פאַרשטיין, וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ מין סקול, וואָס צו יעדער צייט קען מען אָנפאַנגען לערנען דאָס ווארפט אַראָפּ די תלמוד תורה אַז זי זאָל ניט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ סקול ווי אַ פּאָבליק סקול, ווייל אין פאָבליק סקול איז דאָ אַן אָנפאַנג זמן און אַ צייט וויפיל אַ קינד זאָל אַלט זיין ביים אָנפאַנגען לערנען.

א פאר ווערטער וועגן קדושת שבת

די חכמים וועלכע האָבן געוואָלט אויפהאַלטן דעם קיום פון אידן דורך אַלע גלות׳ן און צרות און אונטער אַלע אומשטענדן, האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער שבת וועט דאָס זיין דער כח, וואָס וועט אידן אויפהאַלטן פאַר אייביג. נאָך אחדות הבורא איז שבת דאָס העכסטע אין תלמוד, און מיר געפינען אפילו, אַז חז״ל האָבן אַוועקגעשטעלט שבת נאָך העכער ווי אחדות הבורא, זיך אויסדריקנדיג, אַז ווען אַ מענטש היט אָפּ שבת, און אַפילו ער דינט עבודה זרה ווי דער דור פון אנוש, איז מען אים מוחל. שבת האָבן די חז״ל אויפגע־הויבן צו דער גרעסטער מצוה. שקולה שבת נגד כל התורה. מומר לשבת הרי הוא כמומר לכל התורה כולה. און אפילו דעם חורבן האָט מען נאָר צוגעשריבן צום חילול שבת, לא חרבה ירושלים אלא שחללו בה את השבת. און די גאולה פון לעתיד פון דעם יום שכולו שבת און פון די אמונה אין משיח׳ן, האָט מען צוגעשריבן צום שבת. „לו שמרו בני ישראל שתי שבתות כהלכתן מיד נגאלין״. און אַפילו רייכקייט האָט מען צוגעשריבן צום שבת. „עשירים שבשאר ארצות במה הם זוכין בשביל שמכבדין את השבת״.

און דער מדרש דערציילט ווי ג־ט האָט באַוואונדערט נאָך זעקס טעג אַרבייט זיין וועלט און האָט אויסגעפונען איר וואונדערליכע שיינקייט און ג־ט האָט געזאָגט: יעצט איז אַלעס שיין, נאָר עס פעלט די קרוין פון דער גאַנצער שאַפונג. און ג־ט האָט געשאַפן דעם שבת.

שבת, דאָס האָט אויסגעהאַלטן דעם אידן. איין מאָל אין זעקס טעג איז פלוצלונג דער איד, וואָס איז געווען פאַרשקלאַפּט און פאַריאָגט דורך דער וואָך, אויסגעמאַטערט און אויסגעקריינקט פון יסורים, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בן מלך. פאַר אַ טאָג איז פאַרגעסן געוואָרן די וועלט, אַרימקייט און רייכקייט. אפילו דער טראַכטן איז געווען אַן אַנדערער. אין אַנדערע וועלטן פול מיט קדושה, נשמה יתירה. ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע האָט זיך פלוצ־לונג אַלעס איבערגעדרייט. אָט לויפט מען אַרום פאַרהאָרעוועט און פאַריאָגט

און פרייטאָג פאַרנאַכט איז כמעט אַ מצוה צו לויפן, כדי צו מקבל זיין שבת. נאָר אָט האָט די זון זיך געזעצט. שבת קודש איז דאָ און מען טאָר שוין ניט לויפן. צו וואָס לויפן און יאָגן זיך אין שבת, ווען יעדערער געפינט זיך אַרומגערינגלט מיט געטליכקייט און קדושה?

שבת שטארקט קיום פון אידן

דער מדרש דערציילט ווי ג־ט האָט באוואונדערט זיין וועלט און האָט אויסגעפונען איר וואונדערלעכע שיינקייט און ג־ט האָט געזאָגט איצט איז אַלץ שיין נאָר עס פעלט די קרוין פון דער גאַנצער שאַפונג און ג־ט האָט געשאַפן דעם שבת. שבת דאָס האָט אויפגעהאַלטן דעם אידן. איין מאָל אין זעקס טעג איז פלוצלונג דער איד וואָס איז פאַרשקלאַפט און פאַריאָגט דורך דער וואָך, אויסגעמאַטערט און אויסגעקריינקט פון יסורים, פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ בן מלך.

עס ווערט דערציילט אין ירושלמי: ר׳ יוחנן האָט געטראָפן 2 תלמידי חכמים זיך מפלפל זיין אין לערנען. האָט ער זיי געזאָגט, געהט גיכער אַ היים און זייט ניט מחלל שבת, ווייל וקראת לשבת עונג טאָר מען ניט שבת זיצן שפעט אין שול און דערמיט פאַסטן. פאַסטן שבת איז אַ זינד, ווייל שבת איז יום שכולו עונג ועידון, אפילו שלאָפן האָט מען שבת געהייסן מער ווי אַלע מאָל. מען דאַרף זיך ניט היילן שבת פרי׳ און אַפילו שפעטער בייטאָג איז שינה בשבת תענוג.

שבת גיט מער פלאַץ פאַר די אגדה ווי פאַר די הלכה. עס איז דער טאָג פון דרשן און מגיד. רוהיגקייט האָט זיך אויסגעשפרייט אויף דער גאַס, אפילו די בהמה רוהט אין שבת. עס עסט זיך שבת מער ווי אין דער וואָכן ווייל דער עסן איז פול מיט קדושה.

שבת מוז צוריק קריגן זיין הייליגקייט. עס מוז ווערן אַגיטירט אַז אַמעריקאַנער אידן שטייען אויפ׳ן אָפגרונד פון פאַרלאָרן גיין אויב זיי וועלן ניט נעמען זיך צו אָפהיטן דעם שבת.

די וויכטיגקייט פון חנוך הבנות

פיל מענטשן פון עלטערן דור דענקען אַז לערנען אידישקייט דאַרף מען בלויז די אינגלאַך, אָבער מיידלאַך איז ניט נויטיג. צו וואָס דאַרף אַ מיידל לערנען, זי וועט סיי ווי ניט זיין קיין רביצן, אָדער: מיין זון מוז איך לערנען צו זיין בר מצוה, אָבער מיין טאָכטער דאַרף ניט זיין בר מצוה. אין דער אַלטער היים מיט יאָרן צוריק האָט אַ מיידל אין הויז געלערנט דיני כשרות, דיני שבת, דיני טהרה און סתם טויזנטער דינים. די אידישע הויז איז געווען אַ פעסטונג פון תורה און אידישקייט, און אַפילו דאָן האָבן זיך געפונען פיל לומדי׳שע פרויען, און ווי אַזוי האָבן זיי געקענט זיין „מלומדות" אַז זיי זאָל ניט געווען לערנען?

דער כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות", איז נאָר אַ מיינונג פון אַ יחיד. און די משנה „ולמדתם אתם את בניכם ולא בנותיכם". דאָס אַז אַ פרוי איז פטור מתלמוד תורה מיינט, אַז די מצוה פון לימוד איז ביי איר ניטאָ, אָבער אַ ודאי קריגט זי שכר פאַר׳ן לימוד ווי יעדער מאַן און זי קען זאָגן די „ברכות התורה". און מיר ווייסן אַז פון מרים, חולדה, ברוריה, רש״י׳ס טעכטער, און אַזוי דור נאָך דור זיינען געווען פרויען וואָס האָבן געלערנט תורה.

אָבער די לומדישע פראַגע איז נאָר געווען בדורות הצדיקים, ווייל דאָס הויז האָט די פרוי געלערנט מערער ווי היינט די מאָדערנע רבנים סעמינאַרן. אָבער איצט דאָ, אין לאַנד, וואו די אַטמאָספערע איז ניט אידיש, טויזנטער אידישע מיידלאַך ווייסן דאָך ניט וואָס ס׳מיינט אידישקייט. זי אַרבייטן שבת און רויכערן שבת און גייען איינקויפן שבת, און די קינדער שיקט מען שבת אין די בוּאוויס. קיין ברכות מאַכט מען ניט, ליכט בענטשט מען ניט, כשרות ווערט ווענינ אָפגעהיט, טהרה וטומאה ווייס מען ניט וואָס דאָס איז, די הפקרות איז גרויס. איז אַזאַ דור און אין אַזאַ צייט מוז מען זען צו לערנען אונזערע טעכטער. דאָס מיידל — דאָס איז די צוקונפטיגע מאַמע,

די פירערן פונ׳ם הויז, מוז מען איר לערנען. יעצט איז אַ חוב קדוש צו לערנען אונזערע טעכטער. ווער עס לערנט ניט זיין טאָכטער איז גלייך ווי ער פאַרשטויסט איר פון אידישן פאָלק. אַ אידישע טאָכטער מוז וויסן ווי צו דאַווענען, דינים פון שבת, דינים פון כשרות, אידישע היסטאָריע, אונזער הייליגע שפּראַך, ברכות און מנהגים, די גרויסקייט פון די ימים טובים און די וויכטיגקייט פון ארץ ישראל.

עס מוז געשאַפן ווערן אַ נעץ פון תורה־טרייע סקולס פאַר מיידלאַך, און קלובס פאַר דערוואַקסענע מיידלאַך. עס דאַרף ווערן ערמוטיגט צו לערנען העברעאיש אין די היי־סקולס פון שטאַט און דאַן ספּעציעלע קורסן פאַר דינים און אידישקייט. עס מוז אַ סך געטאָן ווערן פאַר חנוך הבנות אויב מיר ווילן ערציען אַ געטרייען אידישן דור אין אַמעריקא.

ביאַליסטאָקער ראש ישיבה געשטאָרבן

פון ביאַליסטאָק איז דערהאַלטן געוואָרן די טרויעריגע ידיעה, אַז הרב אברהם יעקב קווינט, דער ראש הישיבה פון ביאַליסטאָקער ישיבה, איז נפטר געוואָרן. הרב קווינט איז געווען דער מנהל פון תחכמוני און פון יסודי התורה אין ביאַליסטאָק און דער ראש ישיבה פון דער גרויסער תלמוד תורה און ישיבה אויף פּיאַסקעס. הרב קווינט האָט געהאַט טויזנטער תלמידים. הונדער־טער פון זיי געפינען זיך אין אַמעריקע. דער נפטר איז, אויסער זיין גרויס לומדות און זיינע וואונדערליכע מידות, אויך געווען אַ גרויסער צדיק.

הרב קווינט איז אַלט געווען 63 יאָר. ער לאָזט איבער זיין זון, דער רב און מנהל פון ישיבה תורה מציון אין ברוקלין, און צוויי טעכטער אין פוילן. איין איידעם איז אַ רב אין וואָלין, ביי לוצק.

סידור געווידמעט מנוח'ן

וואָס איז סידור? ווער האָט געשאַפן דעם סידור? ווערט דאָס ג־ט־בעטן באַשריינקט אַז נאָר דורך דעם סידור דאַרף מען אים בעטן? וואָרום דאַרף מען ג־ט בעטן, ציי ווייס ער ניט זעלבסט אונזערע פאַרלאַנגען?

און זאָגט טאַגאָרי: „די וואָס ליבן מיר אויף דער ערד, ווילן און זעען מיט אַלע זייערע קרעפטן מיר צו האַלטן אונטער זייער שוץ, אַנדערש איז דיין ליבע, דיין ליבע איז פיל־פיל גרעסער ווי זייערע און דו וויל דיין ליבע איז גרויס גיבסט מיר די מעגליכקייט צו זיין פריי און לעבן לויט מיין ווילן... און זאָגאָר ווען איך דערמאָן דיר ניט אין מיינע תפלות און איך גיב דיר ניט קיין פלאַטץ אין מיין האַרצן ליבסטו מיר...“

און זאָגט ניטשע וועגן די כהנים: „ווער האָט דאָס געשאַפן די קעלערן און געבעט הייזער? ציי דען ניט וועלכע שעמען זיך פאַרן ריינעם הימל... און צו אַלעס וואָס האָט זיי וויטאָג געשאַפן האָבן זיי ג־ט גערופן... און זאָגאָר ווען אין פייערן וועלן זיי גיין פאַר זייער לערע וואָס קען דאָס דינען אַלס פאַקט? פיל בעסער וואָלט געוועזן ווען פון זיין נשמה פון ברען פון זיין האַרץ זאָל זיך שאַפן זיין לערע... דער וואָס זיין האַרץ וועט זיין אַ דריקנדע פולע ברען וואַרימקייט און קאַלט וועט זיין די קאָפּ זיינע ווען דאָס וועט זיך אין אים באַהעפטן צוזאַמען, דער וועט זיין דער ערלייזער דאָס מענטשהייט“.

און וויל איך זאָגן: גוט איז ג־ט, אומענדליכע קוואַלן פון גוטסקייט, און האָט זיין גוטסקייט געשאַפן די וועלט, שיינע ריינע קלאָרע הימלען, שיינע דופטיגע גרינע וועלדער, און נשמות צאַרטע ריינע קלאָרע געטליכע נשמות זיינען אין מענטשן־געשטאַלטן אויף דער ערד געשאַפן געוואָרן און איז אַ נשמה אַ הימל שאַפונג און אפשר נאָך העכער ווי די הימלען, זיי זיינען די ליכט קוואַלן פון דער יצירה און אומענדליך איז אַ נשמה, דרינגט זי אַריין אין תהום טיפענישן הייבן זיי אויף זייערע בליקן איבער די הימלען

